STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02297

DER LETTSTER BLUT-SHTURTS

D. M. Hermalin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער לעטצטער

בלוט-שטורץ.

דיא געשיכטע פון איין אונגליקליכער

דערצעהלט פון איהר זעלבסט.

אַ רעאליסטישע שילדערונג

— פון —

ד. מ. הערמאַלין.

פרייז **10** סענט.

— פערלאג פאָן —

יוסף ליב ווערבעלאָווסקי,

37 קאנאַל סטריט, ניו יארק.

PUBLISHED BY

JOS. L. WERBELOWSKY,

37 Canal Street, New York.

דעם רעדאקטאר'ס פאררעדע.

מיין פריינד נ. איז טויט. איך וואלט דערמאָנט זיין נאָמען, נאר ער האט מיר אָנגעזאָגט איך זאָל עס ניט טהון, ווייל ער קימערט זיך ניט אום ליטעראַרישער אונערשטערבליכקייט.

איך בין מיט איהם געווען בעקאנט עטליכע יאָהר, אדער ביינאהע די גאַנצע צייט וואס ער איז געווען אין ניו אָרק. איידער ער איז אוועק געפאָהרען נאך קאָלאָריידאָ, וועגען זיין געזונדהייט, האט ער מיר אזוי געזאָגט:

„שוסטערס קענען פערריכטען א לאָך אויף א שטיוועל, נאר דאָקטוירים קענען ניט פערריכטען א לאָך אויף די לונגען. איך ווייס, אז איך קען שוין קיין סך ניט לעבען. אבער איך פאהר נאך קאָלאָריידאָ, טאָמער וועל איך נאך קענען אזוי פיעל לעבען, אום איך זאָל פארטיג מאכען דאס בוך וואס איך שרייב. ווען עס וועט פערטיג ווערען, וועל איך דיר עס צו שיקען. ווען דוא וועסט הערען, אז איך בין טויט — וואס דאס דארף יעדענפאלס ניט פיעל דויערן נאך מיין אַרבייט, — דאן זאָלסטו פערעפענטליכען די כתבים. איך דענק, אז זיי וועלען מאַנכע מענשען נוטצען ברענגען."

מיט צוויי מאָנאט נאך זיין אבּרייזען פון ניו יאָרק, האט ער מיר צוגעשיקט א פּאַק פּאַפּירען. מיט עטליכע טעג שפּעטער, האט מיר דער האָטעליער, וואו מיין פריינד איז איינגעשטאנען, געשריבען, אז מיין פריינד איז טויט. איך האב פריהער קיין צייט ניט געהאט איבערצוקוקען זיינע כתבים, נאר נאכדעם האב איך זייא געלייענט.

דער איינדרוק איבער מיר, איז געווען אונגעהייער שמערצהאפט. ער איז אפילו אויף מאנכע פּלעצער צו פרייא מיט זיין בעשרייבונג, אבער עס איז דענגאָך די וואהרהייט. איך האב נאר דאָ און דאָרט איבערגעענדערט א זאטץ אָדער א וואָרט, אבער זאָנסט האב איך געלאָזען אלעס ווי א מיין אונגליקליכער פריינד נ. האט געשריעבען. דאס איבריגע לאז איך פאר דעם קריטישען לעזער צו בעאורטהיילען.

1טעם קאפיטעל.

מיין בעקאנטשאפט מיט איהר.

מען פלעגט מיך רופען א מענשען־שונא. דיא גענויע אורזאכע דערפון קען איך ניט וויסען. מיר דאכט, אז איך בין גאר געווען דער געגענטהייל. מענשליכע צרות האבען מיך אימער אזוי געריהרט, אז איך פלעג ניט נאר איינמאל וויינען מיט הייסע טרערען צוקוקענדיג וויא מיינע מיט־מענשען ליידען. איך האב מיך אבער איבערצייגט, אז מען דארף ניט פיעל שטעלען אויף דעם אורטהייל פון מענשען. זיי זיינען מייסטענטהיילס אונגערעכט.

אבער ניט דאס בין איך אויסען. איך וויל דא בלויז עפעס דערצעהלען פון מיין פערזענליכקייט, וואס איז נוגע דער געשיכטע, וועלכע איך געה דאָ אויפשרייבען.

איך בין געווען איינער פון דיא רוסיש־אידישע יונגע לייט, וואס איז ארונטער געקומען נאך ניו יארק מיט דעם שטראם פון דער עמיגראציאן. איך האב מיך געצעהלט צו דיא אינטעליגענטע, אונד איך האב אמאל געהאט חלומות פון א ציוניסט, פון א סאציאליסט, אנארכיסט אונד נאך עטליכע איסטען, אבער אלעס האט זיך אויסגעלאזען וויא א חלום...... מיינע געדאנקען זיינען אין מיר ענטשטאנדען לויט דעם איינדרוק פון דער צייט, און זיינען אויך געוועקסעלט געווארען מיט דעם איינדרוק פון דער צייט.

אין מיטען איז געקומען דער קאמפף אום דאס דאזיין. איך האב געמוזט לעבען און האבען צום לעבען. פריהער האב איך גלייך מיט פיעלע אנדערע אזעלכע אינטעליגענטע, גענייט העמדלעך און פערדיענט 3 אדער 4 דאלאר א וואך. איך בין געווען איין ארבייטער־פיהרער, ארויסגערופען סטרייקס און אבגעהאלטען רעדען געגען דיא בעלי־בתים און געגען אירגענד יעמאנדען וואס איך האב גערעכענט אלס איין ארבייטער־פיינד.

דאן בין איך מעהר אמעריקאניזירט געווארען, דאס הייסט, איך האב אנגעהויבען צו שרייבען און רעדען ענגליש, ליידען פון דער אמעריקאנישער קראנקהייט דיספעפסיע, וועלכע איז מיר געקומען פון עסען ניט רעגעלמעסיג אין דיא רעסטאראנטען פון 10סענט א מיטאג, און צייטענווייז האב איך געגעבען א הוסט, וואס

האט מיר געגעבען א שטאָך אין דער ברוסט, אלס רעזולטאַט פון דיא נאַסע ווענט וואו איך האָב געארביים און געשלאָפען.

מיין אמעריקאַניזירען זיך, האט מיר פערשאַפט א פּאאר פריינדע וואס האָ־בען מיט מיר סימפּאטהיזירט, און זיי האבען פאר מיר אויפגעזוכט א פּאָסטען אלס בוכהאלטער אין א אידישעם געשעפט פון דעם אידישען קווארטאל, וואו איך האָב אנפאנגס גענומען 5 דאָלאר א וואָך, און נאך 2 יאָהר שווער און ביטער ארבייטען, האב איך שוין געקריעגען 10 דאָלאר א וואָך.

דער הוסט, מיט א שטאָך אין דער ברוסט, איז אנפאנגס געקומען זעלטען, דאן עפטער, ביז איך פלעג וויסען, אז הוסטען און שטעכען אין דער ברוסט, איז א טהייל פון מיינע ליידען אין לעבען, פון וועלכע איך קען שוין נים פטור ווערען.

א פּאאר פריינדע מיינע, דאָקטוירים, האבען מיר געזאָגט, אז איך האָב דיא שווינדזוכט. אנפאנגס האט עס אפילו מיך שטארק דערשראָקען, אבער שפּעטער איז עס מיר שוין געווען גאנץ גלייכגילטיג, ווען איך פלעג מיך פערהוסטען און דאן אויסשפייען א שטיק בלוט.

דיא דאָקטוירים, מיינע פריינדע, האבען מיך געראטהען, איך זאל פאָהרען נאך קאָלאָריידאָ, בשעת עס איז נאך נים צו שפּעט. ווי דיא זאך איז, האב איך מיך געווענדעט צו אונזערע נויארקער אידישע בעלי־טובות, וויא דערצעהלט פון מיין שיקזאל, אבער זיי האָבען ערקלערט, אז זיי האבען נאך אונגליקליכערע וויא איך בין צו פערזאָרגען. אויב דאס איז וואהר, ווייסען זיי. דער סוף איז געווען, וואס איך האָב פאַרטגעזעצט יעדען טאָג, פון 7 אוהר מאָרגענס ביז 8 אוהר אבענדס, צוזאמען צו רעכנען ציפער מיט ציפער און פיהרען דיא חשבונות פון מיין בעל־הבית, וועלכער האט געקויפט פאר מיין אונגעהייער געטע בעל־הבית'טע דרייא מאל אין איין יאהר פאר צו טויזענד דאָלאר ברילליאנטען.

פון דיא 5 דאָלאר א וואָך, האב איך נים געקענט שפּארען, נאר פון דיא 10, האָב איך געשפּארט 3 אָדער 4 דאָלאר יעדע וואָך. עס איז נים געווען דער־פאר ווייל איך האָב געוואָלט פערלענגערען מיין לעבען נאך מיט א יאהר אדער צוויי, איך האב גאנץ גוט פערשטאנען, אז הילפע פאר מיר איז שוין ניטא, נאָר איך האָב געוואוסט, אז שווינדזיכטיגע געהן ארום אויף דיא פיס כמעט ביז צום לעצ־טען איינענבליק פון זייער לעבען. און איך האָב נים געוואָלט אָנקומען צו דיא בעלי־טובות.

וויא לאנג איך האב געקענט, האב איך געארבייט פאר מיין בעל־הבית, און ווען מיין הוסטען איז שוין געקומען צו אָפט, און מיין בעל הבית האט ערפאהרען, אז איך בין שווינזיכטיג, האב איך געמוזט פערלאָזען דאס פּלאַץ, און ווארטען אויף מיין טויט.

איידער איך בין אוועק פון מיין פּאָסטען, דאס הייסט, מיט א פּאאר וואָכען פריהער, האב איך בעמערקט, אהיים געהענדיג יעדען אָבענד אין קריסטיע סטריט, דאס צווישען דיא אונגליקליכע פּרויענצימער אויף דער גאס, איז צוגעקומען איינע א פרישע, אָדער א נייע.

דיעזע אונגליקליכע פרויענצימער פלעגען מיך שוין ניט רופען, זיי האבען מיך געקענט אלס פאַרבייגעהער יעדען אבענד און איך האָב איינינע מאָל געהערט פון זייא זאָגען:

„לאָזט איהם געהן! זעהט איהר דען ניט, אז ער פערלירט דיא נשמה?"

איך האָב געשמייכעלט. ווארום איך האב געשמייכעלט אויף דיעזער בעמערקונג, ווייס איך ניט.

ווען דיא „נייע" איז געקומען צווישען זייא, איז זיא צוגעלאָפען צו מיר און מיך גערופען. איך האָב איהר געענטפערט עטליכע אונפערשטענדיגע ווערטער, און דיא אנדערע האבען זיך צולאכט, דיא „נייע" איז אוועק פון מיר און זיא האט מיך שוין מעהר ניט גערופען.

זייא זיינען אמאָל געווען פיער, פינף אדער זעקס צוזאמען, אבער אין דער לעצטער צייט, האט דיא נייע שוין מעהר ניט אויסגעפעהלט יעדען אבענד.

זיא האט מיך מעהר אינטרעסירט וויא אלע אנדערע, זיא האט געהאט א מערקווירדיגעס געזיכט.

עפּעס איז זיא געווען אזוי געזונד, און דאָך זעהר קראנק; מונטער, און דאָך טרויעריג; שעהן און דאָך העסליך; יונג, און ישרעקליך געעלטערט.

ווער איז זיא געווען? איך האָב געוואָלט וויסען; איך בין נייגעריג געווען, אבער וויא נעהמט מען עס צו צו אזא פרויענצימער פרעגען ווער זיא איז? און ווען איך וועל זיא פרעגען, וועט זיא מיר דען זאָגען? איבריגענס, צו וועלכען צוועק וויל איך דאס וויסען, און צו וועלכען צוועק זאל זיא מיר דערצעהלען?

וויא איך האָב שוין פריהער בעמערקט, האב איך זיא געזעהן יעדען אבענד אין דיא לעצטע פּאאר וואָכען וואס איך בין געווען אויף מיין פּאָסטען. נאכדעם וויא איך האָב פערלוירען דעם פּאָסטען און אנגעפאנגען צו ווארטען אויף מיין טויט,

האב איך שוין צייט געהאט ארויס צו געהען פריהער אויף דער גאס. עס איז געווען אין א זונטאג פארנאכט, איידער עס איז דונקעל געוואָרען. זיא איז געשטאנען אויף דער גאס, נעבען א וואנט, נאר איך האָב נאָך געקענט גאַנץ דייטליך זעהען איהר געזיכט. שפורען פון שעהנהייט זיינען נאָך געבליבען, אבער זיא איז געווען שרעקליך בלאס, און טיעפע בלויע קארבען האבען זיך געזעהען אונטער איהרע אויגען. זיא האט געהאט א טבע צו האלטען דעם קאָפּ ארונטער געבויגען צו דער ערד. ווען איך בין פארבייגעגאנגען, האט זיא גענעבען א הוסט; א הויכען און דאָך אונטערדריקטען הוסט. זיא האט דערביי אויפגעהויבען איהרע לאנגע שוואַרצע ברעמען, און מיך אָנגעקוקט.

דער בליק האט בעדייטעט עפּעס וויא שאנדע, עלענד און מיטלייד צוזאמען אויסגעמישט. עס האט מיך אָנגעכאפּט ביים הארצען, דאן האט זיא ווידער ארונטער געלאָזט דעם קאָפּ און איך בין ווייטער געגאנגען.

איך האב אין דער לעצטער צייט סייא־וויא־סייא ניט געשלאפען, אבער איהר בליק, האט מיך דיא גאנצע נאכט ניט געלאָזט רוהען.

„אָרמע אונגליקליכע!“ האב איך געמורמעלט, און עטליכע מאָל האב איך געוואָלט אויפשטעהען פון מיין בעט, ארויס געהען אויף דער גאס, זיא אויפזוכען, און מיט איהר רעדען, אבער איך בין ניט געגאנגען.

אויף'ן אנדערען טאָג בין איך ארויס פריה נאכמיטאג מיט דער אבזיכט זיא צו זעהען. אבער זיא איז נאָך ניט געווען אויף דעם בעשטימטען פּלאַץ. אין דרויסען איז געווען קיהל און נאס, און דאס האט מיך זעהר געפּרעסט אויף מיין ברוסט. אבער איך האב דעננאָך געווארט א פאאר שטונדען. אין דעם עק פון פון דער שטראסע איז געווען א ביער־סאַלון, פּלוצלונג האט זיך דיא טהיר געעפענט, און איך האָב געזעהען עטליכע פרויענצימער פון דאָרט ארויסשפּרינגען, לאכענדיג און שרייענדיג, זייא זיינען אלע געווען מיט פערפלאמטע געזיכטער און שיכור.

אונטער זייא האָב איך דערקענט „זיא“ אויך פערפלאמט און שיכור.

עפּעס האט זיך מיר געוואָלט, איך זאָל אויסשפּרעכען איין אורטהייל איבער איהר, אז זיא איז געמיין און ... אבער פּלוצ־ינג האט זיא מיך דערזעהען און אויפגעהערט צו לאַכען. זיא איז געוואָרען ערנסט און ארונטערגעלאָזען דעם קאָפּ. איך האב מיך אומגעווענדעט און בין אוועק געגאנגען.

איך בין אין יענעם טאָג געווען בעזוכען מיינעם איין אלטען פריינד,

און איך האב מיך דארט פערזאמט ביז שפעט אין דער נאכט. דאן האב איך אנגעפאנגען אהיים צו געהען.

אהיים? יא, איך מוז דא בעשרייבען מיין היים. איך האב געוואהנט אין א קליין צימערל, פאר וועלכען איך האב געצאהלט 5 דאלאר א מאנאט. דאס צימערל האט בעלאנגט צו נאך צווייא גרויסע צימערן, וואו איין אלטער מאן מיט איין אלטער פרוי, אהן קינדער האבען געוואהנט. דיא אלטע פרוי פלעגט מיך בעדיע־נען שוין פאר דיא פינף דאלאר. דאס הייסט, זיא האט מיר געגעבען א בעט בעט־צייג, א טיש, בעלייכטונג, מיט א גרויסען לאמפ, פון וועלכען דער רויך האט מיך שרעקליך געשטיקט, און מיך בעזארגט מיט אונטער־וועש.

אלזא דאס איז געווען מיין היים וואוהין איך בין געגאנגען. ביים עק פון דער שטראסע, האב איך מיך אבגעשטעלט זיך אויסצורוהען אביסעל, ווייל איך האב געמוזט בעשטייגען נאך 40 טרעפען ביז צו מיין צימערל. אין דעם צווייטען הויז, האב איך בעדארפט אריין געהען. אבער אונטען, אויף דיא שטיינערנע און קאלטע טרעפען, איז געזעסען א פראוינצימער. איך האב דאס מיר גאנץ גוט געקענט מער־קען בייא דער שיין פון דעם לאמפ.

א פראוינצימער? דאס איז ניט קיין זעלטענהייט אין דער גרויסער וועלטס־שטאדט ניו יארק. טויזענדער אונגליקליכע פראוינצימער וואנדערן ארום אין דיא גרעסטע קעלטען אהן א היימאטה, און נעכטיגען אויף שטיינערנע טרעפען אין שנעע אדער אין רעגען.

איך בין צוגעגאנגען. דאס פראוינצימער האט זיך אומגעווענדעט, זיא האט מיך צום ערסטען ערבליקט און איז אויפגעשטאנען.

עס איז געווען „זיא“!

„וואס טהוט זיא דא?“ האב איך מיך געפרעגט.

איך האב געוואלט פארביינגעהען און מיך ניט אומקוקען, אבער איך האב ניט געקענט. איך האב מיך אבגעשטעלט מיט א פאאר שריט ווייטער פון איהר. זיא האט געוואלט אוועק געהען.

„וואס טהוט איהר דא?“ האב איך פלוצלינג געפרעגט אהנע איבערצוקלע־רען וואוהין מיין פראגע געהערט.

„איך טהו גאר ניט, איך געה שוין אוועק,“ האט זיא געענטפערט מיט אזא טרויעריגען טאן, אז איך האב גשפירט, אז עס האט מיך געשווידערט פון קאפ ביז פיס.

„ניין, ניין, נעהמט ניט,“ האָב איך שנעל געזאָגט, זיך דערמאַהנענדיג וויא אונגליקליך זיא מוז זיין.

„וואס דען זאָל איך טהון?“ האט זיא ווייטער געפרעגט אין דעמזעלבען טאָן.

איך האָב געשוויעגען, נאָר זיא האָט זיך אומגעקעהרט, און מיט ארונטער געלאָזטע אויגען, האָט זיא געזאָגט:

„איך בעט אייך, האָט מיטלייד, לאָזט מיך אריין געהען צו אייך אין הויז זיך נאָר אָנוואַרעמען אביסעל, און דאַן געה איך אוועק. אייער פרוי דאַרף ניט וויסען ווער איך בין.“

„איך האָב ניט קיין פרוי,“ האָב איך געזאָגט.

זיא איז געבליבען שטעהען אונענטשלאָסען, גלייך וויא מיינע ווערטער וואָל־טען בעדייטעט, אַז איך האָב ניט קיין היימאַטה.

„אבער איך האָב אליין א צימער, און איהר קענט זיך בייא מיר אָנוואַרע־מען,“ האָב איך דאַן ווייטער געזאָגט.

איך בין געגאַנגען פאָראויס און זיא איז געבליבען שטעהען צענערענד.

„קומט,“ האָב איך געזאָגט. זיא איז געגאַנגען.

ארויף קומענדיג אין מיין צימער, האָט געברענט א קליין אויוועלע, וואָס דיא אלטע פרוי האָט אונטערגעצונדען. עס איז געוועזן וואַרעם, איך האָב דאַן אָנ־געצונדען דעם לאָמפּ. זיא איז געשטאַנען נעבען דער טהיר.

„קומט נעהנטער,“ האָב איך געזאָגט, „און וואַרעמט זיך אָן.“

איך האָב איהר געשטעלט א ביינקעל נעבען אויוועלע און איהר געהייסען זיך זעטצען. זיא האָט מיך געפאָלגט. זיא איז געוועזן צו לייכט געקליידעט לויט דעם וועטער, און דער ניעדריגער טהייל פון איהם קלייד, איז געוועזן זעהר נאַס פון דעם רעגען.

איך האָב בעטראַכט איהר געזיכט. דאס איז געוועזן אבגעהאַרטעט, אבער דאָך סימפּאַטיש.

מיר האָבען א היבשע צייט ניט געשפּראָכען און איך האָב גענומען לעזען א צייטונג פון מיין קעשינע. דאַן האָב איך אנגעהויבען צו הוסטען אין דער לעצ־טער צייט, פלעג עס מיר נעהמען א היבשע צייט ביז איך האָב מיך אויסגעהוסט און נעקענט ארויף ברענגען דעם שליים. ווען איך האָב אויסגעשפּיגען, האָב איך זיא געהערט בעמערקען:

„איהר הוסט אויך?"

„יא, איך הוסט," האָב איך געענטפערט מיט אַ שמייכעל, „אבער איך וועל שוין ניט פיעל הוסטען."

„מיט מיר איז אויך דערזעלבער פאל," האָט זיא געזאָגט.

דאַן האָבען מיר ווידער געשוויגען, זיא האָט זיך אויפגעהויבען און זיך פאַרטיג געמאַכט צו געהען.

„וואוהין?" האָב איך געפרעגט.

„אויף דער גאַס."

„האָט איהר קיין היימאַטה?"

„ניין."

„וואו האָט איהר ביז איצט געוואָהנט?"

„אין קריסטיע סטרים, נאר דיא אַנדערע מיידלאך זאָגען, אז איך וועל זייא אנשטעקען מיט שווינדזוכט, און דיא בעל־הבית'טע האט מיר געהייסען געהען. קיין אנדערע היימאַטה האָב איך ניט."

„עס איז דאָך אבער אַ שרעקליכעס וועטער, קאַלט און נאַס," האָב איך געזאָגט.

„וואס קען איך אַלזאָ טהון?"

„שלאָפט דאָ דיעזע נאַכט," האָב איך שנעל געענטפערט לויט דעם איינדרוק פון מאָמענט.

„דאָ?"

„יא."

„איהר האָט דאָך נאָר איין בעט?"

„מיר וועלען שלאָפען צוזאַמען."

„ווען איהר ווילט......"

„ניין," האָב איך אונטערגעבראָכען, „מיר וועלען שלאָפען צוזאַמען, אין דיעזען צימער, איהר אויף דעם בעט און איך דאָ, אויף דעם פוס־באָדען, נעבען אויוועלע."

„ניין, ניין, מיין העררי!" האָט זיא געזאָגט פּראָטעסטירענדיג, „איך וועל אייך זעהר דאַנקבאַר זיין ווען איהר וועט מיך לאָזען שלאָפען אויף דעם פוס־באָדען."

זיא האָט דאַן אָבגעווענדעט איהר געזיכט און איך האָב געהערט אַ שטילעס געוויין.

„איהר זייט מיעד" האָב איך געזאָגט מיטליידענד, „איהר קענט זיך פּאָר־לויפיג זעצען אויף מיין בעט."

זיא איז געשטאַנען אַ היבשע צייט פון וויטען, דאַן האָב איך געזעהען וויא זיא האָט זיך אויסגעווישט דיא אויגען און איז צוגעגאַנגען צום בעט, וואו זיא האָט זיך געזעצט, אַרונטערוואַרפענדיג איהר נאַסען מאַנטעל אויף דעם ביינקעל.

„אָך גאָט!" האָט זיא געמורמעלט, „וויא טרויעריג עס איז צו זיין עלענד!"

איך האָב געשוויגען.

יעטצט האָב איך זיא געקענט זעהען נאָך בעסער ביים שיין פון לאָמפּ, וועל־בער האט געשלאָגען אין איהר געזיכט. זיא איז געזעסען מיט דיא אויגען אַרונ־טער און געזיפצט.

„זייט איהר הונגריג?" האָב איך געפרעגט.

„ניין," האָט זיא געזאָגט ציטערענדיג, „עס איז מיר קאַלט."

„האָט איהר עפּעס געגעסען?"

„איך האָב געטרונקען היינט ביי טאָג אין ביער סאַלון און צוגעביסען עפּעס, אבער איך בין נאָך ניט הונגעריג. איך וואָלט געטרונקען עפּעס וואַרעמס."

איך האָב געהאט אַ קליינעם סאַמאָוואַר, וועלבען איך האָב אָנגעגאָסען מיט וואַסער פון דעם קאָרידאָר און צוגעשטעלט קאָבען אויף'ן אויוועלע.

וועהרענד איך האָב געמהאָן דיעזע אַרבייט, האָט זיא אַרונטערגעוואָרפען איהר נאַסעס קלייד און געלעגט טרוקענען, און אויך אויסגעצויגען איהר־ע שיך. דיא פיס האָט זיא אַרויף גענומען אויף'ן בעט און זיי צוגעדעקט מיט דער קאָלדערע.

„ענטשולדיגט מיר," האָט זיא דאַן געזאָגט, „איך פיהל מיך אַזוי דער־פרוירען...... ווען איך וועל מיך אַביסעל אָנוואַרעמען, וועל איך אַרונטערגעהען פון בעט."

„עס מאַכט ניט," האָב איך בעמערקט, „איהר קענט דאָרט ליגען, איך וויל נאָך כייא־וויא־סייא ניט שלאָפען."

„איך דאַנק אייך זעהר," האָט זיא געזאָגט און דיא טרערען האָבען זיא געשטיקט.

דאַן איז זיא ווידער שטיל געוואָרען.

אין דיעזער נאַכט האָט זיא מיר דערצעהלט איהר לעבענס־געשיכטע. איך וועל אין דיא נעכסטע קאַפּיטלען זיא לאָזען אליין רעדען ביז זיא וועט פערטיג ווערען מיט איהר ערצעהלונג.

2טעס קאפיטעל.

ליזא׳ס יוגענד.

מען רופט מיך ליזא, אזוי הייס איך יעצט. איך דענק ניט, אז עס מאכט איין אונטערשיעד צו דערצעהלען וויא אזוי מען האט מיך גערופען אין דעם קליי־נעם שטעדטעל, בייא מיינע ארימע עלטערען, אין רוסלאנד.

יא, אויך איך האב געהאט צארטע און ליעבענדע עלטערן. זיי זיינען אפילו געווען ארעם, אבער זייא האבען מיך דאך געליעבט פון זייער טיעפען הארצען.

איך בין געווען גליקליך, כל־זמן איך האב פון קיין בעסערעס ניט געוואוסט. עס פלעגט מיך אפילו אנכאפען ביי מיין הערצעל זעהענדיג וויא אנדערע קינדער געהען שעהן געקליידעט, און איך טראג א צעררישען קליידעל איבערגענייט פון דער מאמע׳ס איין אלט קלייד. אבער נעהמענדיג א שטיק שווארצעס ברויט אין דער האנד בין איך אוועק געלאפען צו מיינע ארעמע חבר׳טעס, און מיר האבען זיך אבגעשפיעלט דעם גאנצען טאג, פארגעסענדיג אן אלע צרות. בייא דער נאכט בין איך געשלאפען רוהיג און גליקליך נעבען מיין מאמען.

קיין שוועסטער האב איך ניט געהאט, נאר 2 עלטערע ברידער. אבער איך געדענק שוין ביידע ניט אין דער היים, איינער האט געלערנט שניידערייא און איז אוועק געפאהרען נאך אמעריקא, און דער אנדערער שוסטערייא, און האט חתונה געהאט בייא אונז אין שטעטעל.

מיין טאטע איז געווען א אונטער־שמש אין דער גרויסער שוהל און פלעגט פערדיענען אקוראט אזוי פיעל, אז מיר האבען כמעט אימער געמוזט צו הונגערן. צו מיין 8טען יאהר איז דער טאטע קראנק געווארען. ער האט געהוסט. ער האט אבגעקרענקט עטליכע חדשים און איז געשטארבען. דיא מאמע און איך, האבען גענוג געליטען וועהרענד זיין קראנקהייט, נאר ווען ער איז געשטארבען, זיינען מיר געבליעבען וויא אויפ׳ן וואסער.

דאן האט דער עלטערער ברודער געזאגט, אז דיא מאמע זאל צו איהם גע־הען וואהנען און איך זאל געהען דיענען.

א קינד פון 8 יאהר דיענען! ווייסט איהר וואס דאס הייסט? אבער איך בין געגאנגען דיענען. דיא מאמע האט מיך אריינגעגעבען צו א פאמיליע, וואו עס זיינען געווען דרייא קינדער. א איינגעל פון א יאהר 10, א מיידעל פון א יאהר 9, און א קליין קינד פון א 20 מאנאט. מיין ארבייט איז געווען אויפצופאסען אויף

דעם קליינעם קינד, ער איז געווען א איינגעל, זעהר פעט און שווער. ווען איך האָב איהם בעדארפט אויפהייבען, זאָב איך געשפירט, אז אלע מיינע ביינער קנאקען. איך האָב געמוזט צו זעהען וויא אנדערע קינדער שפּיעלען זיך, נאָר איך האָב בע־דארפט אכטונג געבען אויף דעם קליינעם קינד. איך בין אויסגעריסען געוואָרען. אבער מיט דער צייט, פלעג איך שוין געפינען א וועג וויא מיך אויך צו שפּיעלען, און אזוי וויא איך האָב געהאט גענוג עסען, בין איך, פערהעלטניסמעסיג, געווען גליקליך.

איך וויל אייך דאָ ניט פיעל מעריך זיין, און אייך נאָר זאָגען, אז איך בין געווען ביי דיעזער פאמיליע גענויע דרייא יאָהר. דאס קינד האָט אונטערגעוואק־סען און איך האָב איהם שוין מעהר ניט געדארפט טראגען, און איך אליין בין עלטער און שטארקער געוואָרען. אבער אנשטאט דעם, האָט מען מיר שוין געגעבען אנ־דערע ארבייטען און צום סוף, ווען דיא מאמע האָט מיך געוואָלט אריין געבען אויף איין אנדערן פלאטץ, האָב איך נאָך אימער געטראגען צעריסענע שמאטעס אויף מיר, וועלכע האָבען געהייסען קליידער.

ניט נאר איין מאל פלעג איך וויינען און מיר ווינשען, איך זאָל נאָך דער־לעבען דיא צייט, איך זאָל אנטהון א קליידעל, פון א נייער מאטעריע און א שניי־דער זאל דאס מאכען, עס זאל פאסען אויף מיר!

מיין צווייטער פלאטץ איז געווען בייא א דאמען־שניידער, וועלכער האָט פער־שפּראָכען, אז דערפאר וואס איך וועל העלפען זיין ווייב ניאנטשען צווייא קליינע קינדער (א צוויללינג!) וועט ער מיר געבען עסען און טרינקען, א קליידעל און א פּאאר שיך, און דערצו וועט ער מיך אויסלערנען דיא מלאכה.

דעם אמת זאגענדיג, איז מיר בייא דעם שניידער ניט שלעכט געווען, ווייל זיין פרוי איז געווען א פּראָסטע פרוי, אויך א מאָל א יתומה, און זיא האט מיך ניט ערגער בעהאנדעלט אלס איהרע קינדער. קיין שניידערייא האָב איך אבער ניט געלערנט, ווייל דער שניידער האט זיך מיט מיר ניט געקענט אבגעבען.

אזוי האב איך מיך אָבגעפּלאגט ווייטער דרייא יאהר, און איך בין שוין גע־וואָרען, וויא מיין מאמע פלעגט זאָגען, „א גרויסע מויד.“ צו דיא צרות, פערשטעהע איך ניט, וואס אזוי איך בין נאָך געוואקסען.

שרייבענדיג צו מיין ברודער דעם שניידער נאָך אמעריקא אז איך האָב שוין געארבייט בייא א שניידער דרייא יאָהר, האט ער געענטפערט איך זאָל באלד קו־מען און איך וועל זיין גליקליך.

יאָ, מיין ארמע מאמע האט געוואָלט איך זאָל זיין גליקליך, זיא האט באלד פערקויפט דאס גאַנצע בעט־געוואַנט וואס זיא האט געהאט און מיך בעזאָרגט מיט א האלבער שיפס־קאַרטע און מיט הוצאות ביז האמבורג. א גאַנצע פאַמיליע וואס איז געפאהרען נאך אמעריקא האט מיך מיטגענומען.

ווען איך האב געלאנדעט אין ניו יאָרק, בין איך נאָך ניט אלט געווען קיינע גאַנצע 14 יאהר.

3טעס קאפיטעל.

ליזאַ'ס גליקען אין ניו יאָרק.

מיין שוועגערין פון אמעריקא, איז געווען איין אמעריקאנערין; דאס הייסט, זיא האָט גערעדט העסטער־סטריט ענגליש און האט געמוזט בעזוכען וועניגסטענס איינמאָל אין דער וואָך א מאסקען־באלל. דיא מאסקען־בעללער זיינען געווען אם ווינטער, און ווען עס איז געווען היים, איז זיא געגאַנגען אין א טאַנץ־זאאַל.

מיין ברודער האט זיא שטארק געליעבט, און ער האט געוואוסט, אז ער דארף האָרעווען און איהר פערשאפען פערגניגען.

אזוי וואויל איז צו איהר וואס זיא האָט אזא מאַן!

און איך? מיך האט מען אנפאנגס אויפגענומען אלס א גאַנץ פיינעם גאַסט. מיין ברודער, מיט דער איינשטימונג פון מיין שוועגערין, האט מיר געקויפט א קליידעל, א פאאר נייע שיך און אויך אנגעטהאָן א הוט. איך בין געווען דיא גליקליכסטע אין דער וועלט, און איך בין כמעט דעם גאנצען טאג געשטאנען פאר'ן שפיגעל און מיך אָנגעקוקט וויא שעהן איך בין.

יאָ, דאס איז וואהר, איך בין געווען א שעהנעס קינד, און דיא עטליכע טעג וואס איך האָב מיך אביסעל צוגעהאָדעוועט בייא מיין ברודער, האט מיך געמאכט פריש וויא א רויז.

דאָן האט מיין ברודער אנגעפאנגען צו זוכען ארבייט פאר מיר.

„אין אמעריקא מוז מען ארבייטען,“ האט מיין שוועגערין געזאָגט.

איך האָב מיך ניט געמישט.

צום ערשטען האט ער מיך אריינגעפיהרט אין א גרויסער פאבריק, וואו א פאאר הונדער נעה־מאשינען האבען געקלאפט. מיין ארבייט איז געווען א לייכטע. מען האט מיך געשטעלט ארויסשלעפען פערסטריגעס פון רעק.

מיין ברודער איז אוועקגעגאנגען און איך בין געבליעבען.

איך בין בין געווען איין ארעם קינד, פון ארעמע עלטערן און פון איין ארעם שטעטעל, אבער איך האב קיינמאל ניט געהערט קיין מיאוס'ע ווערטער — וועניג־סטענס ניט אזעלכע מיאוס'ע ווערטער וויא איך האב געהערט אין דיעזער פאבריק ביז מיטאג, ווען מיין ברודער איז געקומען מיך אהיים נעהמען עסען.

וואס האבען דיעזע ווערטער בעדייטעט? זייער ריכטיגע מיינונג האב איך ניט געקענט, אבער איך האב פערשטאנען, אז זייא זיינען זעהר מיאוס. איך בין נאכמיטאג צוריק געגאנגען ארבייטען, און צום שלום פון דער וואך, האב איך געקריגען 75 סענט.

איך האב דאס אנגעהויבען אויסצורעכענען אויף אונזער געלד, און איך האב אין דעם געזעהען א פערמעגען. עס איז איבערהויפט געווען דאס ערשטע געלד וואס איך האב פערדיענט אין מיין לעבען.

מיין ברודער האט געזאגט, אז איך דארף ארבייטען דיא מלאכה דאס הייסט, שניידערייא און איך מוז מעהר פערדיענען.

שניידערייא? מיין מלאכה? איך האב אפילו קיין נאדעל ניט געקענט האל־טען אין דיא הענד.

אונטערדעסען האב איך בעקאנטשאפט געמאכט מיט נאך קינדער פון מיין עלטער און איך האב מיך געפיהלט זעהר גליקליך.

אבענד פלעגען מיר ערווארטען א שפיעל־קעסטעל און איך האב מיך אויס־געלערענט טאנצען אויף דער גאס.

דאס האט מיר געמאכט אונגעהייערעס פערגניגען. איך האב געטאנצט, געלאכט און זיך געפרייט.

מיין שוועגערין האט קיין קינדער ניט געהאט, און וויא איך האב שוין בע־מערקט, איז זיא אפט ניט געווען אין דער היים. איך האב דערפאר צייט געהאט מיך צו אונטערהאלטען וויפיעל איך האב געוואלט.

עטליכע וואכען האב איך געארבייט בייא ארויסשלעפען פערסטריגעס און איך האב שוין פערדיענט 1 דאלאר מיט 25 סענט א וואך.

דאן האט מיין שוועגערין געמאכט א חשבון, אז מיין עסען האט ווערטה וועניגסטענס אנדערטהאלבען דאלאר א וואך, שוין ניט רעכענדיג א קליידעל און שלאפען. דאס געלד האט זיא בייא מיר צוגענומען, מיין ברודער האט אפילו פראָ־טעסטירט דאגעגען, אבער עס האט ניט געהאָלפען. אויף געלד איז מיין שוועגערין אימער געווען א בעלן און עס איז איהר קיינמאל ניט געווען צופיעל.

מיינע שיך האבען זיך צעריסען, דאס קליידעל איז אלט געוואָרען און קו־
קענדיג אויף אנדערע קינדער, האב איך געוואָלט געהען שעהנער אנגעטהאָן.

איך האב עס געזאָגט מיין ברודער און ער האט עס געזאָגט זיין ווייב. זיא
האט מיך געשאָלטען.

איך בין געווען שטארק בייז אויף איהר, און אין א פארנאכט, ווען איך בין
אהיים געקומען פון דער ארבייט, האָב איך געזעהען א יונגען מאן ארויסגעהענדיג
פון מיין ברודער׳ס הויז. איך האָב ניט ריכטיג געוואוסט וואס פאר א בעדייטונג
דאס קען האבען, אבער אום מיך נוקם צו זיין אן איהר, האב איך עס דערצעהלט
מיין ברודער.

ער איז שוין וואהרשיינליך פון לאנג געווען אייפערזיכטיג איבער איהר, און
דאס האט פעראורזאכט א קריגערייא.

מיט א נאכט שפעטער, האב איך געטאנצט אין דרויסען מיט דיא קינדער.
איך האָב מיך אביסעל פערשפעטיגט. ווען איך בין צוגעקומען צו דער טהיר, איז
זיא געווען פערשלאָסען. שפעטער האָב איך ערפאהרען, אז מיין ברודער איז געווען
בייא א פערזאמלונג פון ארבייטער און מיין שוועגערין האט מיר גלאט ניט גע־
וואָלט עפענען. איך האָב עט־יכע מאָל געקלאפט און בין צוריק ארונטערגעגאנגען
דיא טרעפען.

אין דרויסען איז געווען קיהל און איך האָב מורא געהאט אזוי שפעט ביי נאכט
ארום צו געהען אויף דער גאס. איך בין אריין אין הויף וואו עס איז געשטאנען
א קאסטען. קיינער איז דאָרט ניט געווען און איך האָב מיך ארייגעלעגט אין
קאסטען.

מיעד בין איך געווען און איך בין באלד איינגעשלאפען. ווען איך האב ערוואכט,
האָב איך געשפירט א וואַרעמען האאריגען קערפער נעבען מיר. איך האָב מיך
שטאַרק דערשראָקען, נאר איך האָב מיך באלד בערוהיגט, ווען איך האָב דערקענט
א הונד ליעגענדיג בייא מיין זייט.

איך האָב געוואָלט ארויס קריכען פון דעם קאסטען, אבער עס איז מיר גע־
ווען שרעקליך קאלט און איך האָב אויך מורא געהאט. איך האָב מיך דאן צוגע־
טולעט צום הונד און בין ווידער איינגעשלאפען.

פארטאָג האב איך נאך אמאל ערוואכט און בין ארויסגעגאנגען. איך בין
ארויף דיא טרעפען און געזעהען, אז דיא טיהר פון מיין ברודער׳ס וואָהנונג שטעהט
אָפען, מיין שוועגערין האט מיך ערבליקט.

„אַט איז זיא, דיא מציאה!" האט זיא אויסגעשריען. „דער שאדען האט זיך אָבגעזוכט!"

מיין ברודער איז ארונטערגעשפּרונגען פון בעט, און אויסגעשריען מיט א שרעקליכער שטימע:

„וואו ביסטו געוועזען?"

איך האָב מיך פאר איהם דערשראָקען און אנגעפאנגען צו וויינען. איך האָב אבער מורא געהאט אריין צו געהען.

„וואו ביסטו געוועזען?" האָט ער נאך אמאל געפרעגט.

וויינענדיג האב איך איהם דערצעהלט.

„זיא זאגט ליגען!" האט געשריען מיין שוועגרין, „זיא איז גאר ניט געוועזען בייא דער טיהר; איך בין ניט געשלאפען ביז נאך 12 א זייגער, ווען דוא ביזט געקומען!"

איך האָב געשוויעגען. דאן האט זיא מיך אריינגערופען אין הויז, מיר געגעבען אביסעל טהעע און א שטיקעל ברויט. מיין ברודער האט זיך אָנגעטהאָן, עפּעס געגעסען און געהענדיג צו דער ארבייט האָט ער מיך אויך מיטגענומען.

איבער'ן וועג, האט ער מיר גאר ניט געזאָגט. עס שיינט, אז ער האט דערקענט, אז איך האָב געזאגט דעם אמת.

עס זיינען פּאראיבער עטליכע מאָנאט און מען האט מיך געזעצט צו לערנען בייא א מאשין. איך האב דאן אָנגעפאנגען צו פערדיענען 2 מיט א האלבען דאָלאר א וואך

מיין שוועגערין האט מיר געקויפט עפּעס איין אלט קליידעל מיט א פּאאר אלטע שיך, אבער זיא האט מיט מיר אלץ ניט געלעבט בשלום.

4טעס קאפּיטעל.

אויף אייגענע קעסט.

אנדערטהאלבען יאהר בין איך געוועזען אין מיין ברודער'ס הויז, ביז איך האָב איינגעזעהען, אז איך מאך איהם זעהר אונגליקליך. ער האט זיך טאג און נאכט, געקריעגט מיט זיין פרוי איבער מיר, און איך האב בעשלאָסען, נאך א בעראטהונג מיט מיינע חבר'טעס, צו געהען וואהנען ערגעץ אנדערש.

מיין ברודער האט געוואהנט אין לודלאָו סטריט, און איך האב מיך אריינגעצויגען צו א פאמיליע אין עססעקס סטריט. איך האב מיך בעדונגען צו [illegible]

2 דאָלאר א חודש פאר לאָזשיע און וועש. פון דיא 3 מיט א האלבען דאָלאר א וואָך, וואס איך האָב פערדיענט, זיינען מיר אלזאָ איבערגעבליעבען 3 דאָלאר צום לעבען און קליידען זיך.

איך קען אייך גאר ניט אויסדריקען דעם געדאנק וויא גליקליך איך בין געוועןֹ! גאנץ פריה, איידער איך בין געגאנגען ארבייטען, האָב איך מיר גע־קויפט פאר 10 סענט ווארשט מיט ברויט, און דערפון האָב איך געהאט גענוג אויף פריה־שטיק מיט מיטאג. אבענד האָב איך מיר געקופט פאר א סענט ברויט און פאר א סענט איין עפעל אדער איין־אנדערע פרוכט, און צום שלום פון דער וואָך, האָב איך מיך געזעהען מיט א גאנצען דאלאר אבגעשפארט. און נעכסטע, דריטע און נאך א פאאר וואָכען האָב איך אזוי געלעבט, ביז איך האָב געזעהען גאנצע 7 דאָלאר ערשפארטע.

דיא פרוי, בייא וועלכער איך האָב געוואָהנט, האָט מיר רעקאָמענדירט א פעדלער, וועלכען איך האָב אוועק געגעבען דיא 7 דאָלאר, און ער האט מיר געבראכט 2 קליידער, א פאאר נייע שיך און א הוט, און איך בין איהם שולדיג געבליעבען נאך 10 דאָלאר, וועלכע איך האָב בעדארפט אויסצאהלען צו 50 סענט א וואָך.

קיינער איז צו מיר ניט גלייך געוועןֹ! איך האָב געלעבט וויא א גרעפין!

אָפטמאל האָב איך אפילו געשפירט, אז מיין הארץ בעדארף האבען א ליעבענדעס וואָרט, א צערטליכען אויסדרוק פון יעמאנדען, אבער, זאָ שנעל וויא איך האָב אנגעהויבען צו געהען אין טאנץ־זאאל, האָב איך אלעס פערגעסען.

איך בין געוועןֹ א שעהנעס מעדכען, באלד 16 יאהר אלט, גוט ענטוויקעלט, אבער איך בין נאך געוועןֹ זעהר אונשולדיג.

מיין ערשטעס ערשיינען אין טאנץ־זאאל, האט אין מיר ארויסגערופען אי שרעק, אי פרייד. איך האָב אויפגעציטערט.

עס זיינען געוועןֹ א סך יונגע לייט. כמעט יעדער האט אויף מיר געקוקט, און מיינע חבר׳טעס, וועלכע האבען מיך אהין געבראכט, האבען צו מיר געזאגט לאכענדיג:

„נעה, זייא ניט קיין גרינע! הייב אויף דיא אויגען; עס איז א מיאוס׳ע זאך.“

איך האָב געשפירט וויא עס איז מיר קאלט געוואָרען, און אויב איך האָב קיין טעות ניט, האָב איך געהערט וויא עס האט מיר געקלאפט א צאהן אן א צאהן.

פאר וואס האב איך מורא געהאט? איך בין איבערצייגט, אז איך האב עס דאמאלס ניט געוואוסט, אבער אין מענשען איז דא א געפיהל, וואס זאגט איהם, אז דער שריט וואס ער מאכט, איז ניט קיין ריכטיגער.

איך האב ניט געטאנצט, בלויז געקוקט וויא אנדערע טאנצען.

אבער עס איז געוועז פרעהליך, מונטער און לעבעדיג. א פאאר יונגע־לייט האבען מיך איינגעלאדען טאנצען, נאר איך בין ניט געגאנגען.

שפעטער, דאס הייסט, אין א פאאר וואכען ארום, האב איך שוין מיט יעדען געטאנצט.

עס איז אמת, מיר פרויענצימער, קענען זיין אונפערשעהמט, אבער ביז מיר קומען צו דיעזער שטופע, בעזיצען מיר אין אונז אזא בושה, וועלכע שיצט אונז געגען דער אויסגעלאסענער וועלט.

בייא דער ערשטער אומארמונג פון א יונגען מאן, און בייא דעם ערשטען קוש וואס איך האב געשפירט אבגעפרעסט אויף מיין באק, האט זיך מיר געדאכט, אז מיין הארץ וויל ארויס שפרינגען פון מיין בוזים און פאר מיינע אויגען איז אלעס פינסטער געווארען.

איך האב אבער געזעהען וויא מען קושט אנדערע מיידלאך און זייא לאכען. מאנכע געבען אויך צוריק א קוש

זיינען זייא דען אנדערש אלס איך? האב איך מיך געפרעגט. איך בין יעצט איבערצייגט, אז זייא זיינען צום אנפאנג, געוועזן גראדע אזוי וויא איך, און שפע־טער, ווען איך האב מיך צוגעוואוינט, בין איך געוועזן גראדע וויא זייא.

זידעלט א מענשען איין מאל, צווייא מאל און ער שווייגט, בלייבט דיא זידלערייא ענטוועדער א שפאס אדער ער קען זיך גאר מעהר ניט געפינען בעליי־דיגט. דיא זידלערייא, דאס הייסט, זאגאר דיא שמוציגסטע זידלערייא, ווערט שפע־טער בעטראכטעט אלס א גאנץ אנגענעהמער וויטץ.

מיט אונז ארעמע פרויען איז עס אויך דאסזעלבע. ווען מיר אליין פערשטע־הען ניט, אדער אנדערע קלעהרען אונז ניט אויף, ניט צו אקצעפטירען דיא גרעס־טע בעליידיגונג, פיהרט עס דאן לאנגזאם צו דער שמוציגסטער ערניעדרעגונג, אהנע מיר זאלען וויסען וויא טיעף געזונקען מיר זיינען.

איך האב אלזא געטאנצט, מיך געקושט, און ניט נאר איינמאל געשפירט מיין יונגעס בלוט אויפקאכען אין מיין קערפער ווען א יונגער מאן האט מיך ארום גענומען אדער מיך געזעצט אויף זיין שויס.

מיינע פערדיענסטען האבען זיך אונטערדעסטען פערגרעסערט אויף 3 דאָלאר א וואָך, נאר מיינע הוצאות זיינען אויך גרעסער געוואָרען. איך פלעג שפּירען, אז פון דער װאורשט עסען, איז מיר ביטער אין מויל און איך האָב נאך יעדען עסען געבראָכען. איך בין געגאנגען אין דער דיספּענסארי און דערצעהלט דעם דאָקטאָר. ער האט מיר געזאָגט, אז דאס קומט דערפון, וואס איך עס ניט קיין געקעכטס.

איך האָב שוין אכזאָ אין דער פריה געגעסען נאר איין עפּעל מיט ברויט, צו מיטאג א שטיקעל געטריקענט פלייש, און אבענד האָב איך געגעסען א זופּ מיט פלייש און ברויט, פאר 10 סענט. דיא פרוי וואו איך האָב געוואָהנט, האָט מיך דערמיט בעזאָרגט.

איך בין אונטערדעסען געוואָרען א פאָלשטענדיגעס פּריילין, איך האָב אנ־געהויבען צו קלערען וועגען א תכלית. דאס הייסט, ווען איך זאל מעהר ניט דארפען אזוי שווער ארבייטען, לעבען במנוחה און האבען אהיים.

א היים? וויא זיס דאס וואָרט איז! אָבער וואו נעהמט מען א היים?

איך האָב געהערט וויא מען האט דערצעהלט, אז איין מיידעל האט חתונה געהאט מיט א צושניידער און דער מאן פערדיענט 28 דאָלאר א וואָך. איין אנ־דערע האָט חתונה געהאָט מיט א בוכהאלטער, און זיא איז באלד, וויא בייא אונז א גרעפין. א דריטע האָט גענומען א בעל־הבית פון א פאבריק און זיא לעבט וויא א מיליאָנערקע.

איך האָב זייא מקנא געווען.

דאן האָב איך געהערט, וויא איינע האָט חתונה געהאָט מיט איין אפּערייטאָר וועלכער האָט פערדיענט, אין דיא גוטע צייטען, 8 דאָלאר א וואָך, און אז יעדע 4 מאָנאט דורכ'ן יאָהר, האָט ער גאר ניט געארבייט. זיא האָט געהאט עטליכע קינדער און דיא צרות האָבען אזוי געוואקסען, אז מיט א וואָך צוריק, האט מען זייא ארויס געוואָרפען פון דער דירה אויף דער גאס. פון אזעלכע איבערהויפּט, האָב איך אָממייסטען געהערט; און דאס האט מיך געשווידערט.

חתונה האָבען? יא, אבער וואו נעהמט מען דיא ריכטיגע פּארטיע?

ווען איך וואָלט געהאט עטליכע הונדערט דאָלאר, וואָלט איך אויפגעזוכט איין אנשטענדיגען יונגען מאן, איהם געגעבען דאס געלד ער זאָל אויסשטודירען דאָקטאר אָדער אדוואָקאט, און געלעבט דאן גליקליך וויא ראָזע בינשטאָק און דזשעניע גינזבורג.

אבער ראָזע און דזשעניע האָבען פערדיענען אלסדינג א סך געלד. ראָזע האָט

געארבייט בייא ראמען־היטע און פערדיענט 15 דאָלאר א וואָך, און דזשעניע האָט געארבייט בייא מאַנטלען און פערדיענט 12 דאָלאר א וואָך. דערפון קען מען שוין שפּארען.

און ווער ווייס אויב דאס איז שוין גוט? האט דען ניט עלַלא רובין אוועק געגעבען איהר חתן 600 דאָלאר מיט וועלכע ער האָט אויסשטודירט, און ער איז דאן ערשט פון איהר אנטלאָפען?

בייא נאכט אויף'ן געלעגער, פלעג איך צייט האָבען דאס אלעס נאכצודענקען, אָבער איך האָב קיינמאל ניט געזעהען קיין אויסוועג.

„ווען גאָט זאָל מיך וועלען אויפריכטען און מיר וועלען צושיקען מיין ריכטיגען זיווג,“ פלעג איך אלץ צו מיר אליין זאָגען.

5טעס קאַפּיטעל.

איז דאס געווען ליעבע?

א יונגער מאַן, פון א יאָהר 25, זעהר עלעגאנט געקליידעט, איז לעצטענס געוואָרען א בעשטענדיגער בעזוכער פון דעם טאַנץ־זאַאל וואוהין איך פלעג קומען עטליכע אבענדען אין דער וואָך. ער האָט ניט געטאַנצט, נאָר ער איז בלויז געשטאַנען און געקוקט וויא אַנדערע טאַנצען.

מיר האָבען באלד ערפאַהרען וואס ער זוכט. ער איז געקומען פון א גרויסעס געשעפט, וואו דאמען־קליידער ווערען געארבייט געוואָרען, און האָט געזוכט א פּאאר מיידלאך. עס איז איהם ניט לייכט געווען אויסצוקלייבען, ווייל דיא מיידלעך אין אונזער געגענד, האָבען מייסטענטהיילס געהאט זעהר שלעכטע פיגורען. איינע איז געווען צו צארט, דיא אַנדערע צו ברייט־ברוסטיג, און א דריטע האט גאר קיין טאַליע ניט געהאַט.

וויא דיא זאַך איז, ער האָט ענדליך אויסגעקליבען פון דעם טאַנץ־זאַאל דרייא מיידלעך צו דיענען אלס מאָדעלען, אָדער וויא מען רופט עס, פיגור־דאַמען. איינע פון דיא גליקליכע בין איך געווען. נאָך מעהר, ער האָט געזאָגט, אז איך בין דיא בעסטע פון אלע אַנדערע, וועלכע ער האָט געפונען אין דיעזער געגענד, און טאקי דערפאַר האָט ער מיר פערשפּראָכען, 6 דאָלאר א וואָך, וועהרענד דיא אנדערע האָבען נאָר גענומען צו 5.

איך בין געווען זעהר גליקליך.

ענדליך, האָב איך מיר געטראַכט, וועט נעהמען א סוף פון שווערע ארבייט

און אלעם וואס איך וועל האָבען צו טהון איז, צו שטעהען און לאָזען אויף מיר אנמעסטען קליידער. פאר דיעזער לייכטער ארבייט, וועל איך קריעגען 1 דאָלאר א טאג.

אבער, אז דאס איז ניט געווען אזא לייכטע ארבייט, האב איך מיך שפּעטער איבערציינגט. איך האָב געמוזט דעם גאַנצען טאג שטעהען אויף דיא פיס, בייגען מיינע גליעדער אין אלע זייטען, און זעהען אויף מיר קליידער, וועלכע איך האָב ניעמאלס בעדארפט און געקענט טראָגען.

מערקווירדיגע געפיהלע פון האס און פעראכטונג צו דיעזע וואס האבען אלעם אין איבערפלוס, אָהן הארעוואניע, האבען זיך אין מיר ערוועקט.

מיין העכערער געהאלט, האט מיך אונטערדעסען ניט גליקליך געמאכט, דען איך האָב בענעטהיגט שעהנערע קליידער און איך האָב אויך געמוזט וואָהנען אביסעל העכער אין דער שטאָדט, וואו איך האָב אליין געהאלטען א צימער און געצאהלט 4 דאָלאר א חודש, און אויך געמוזט צאהלען טהייערער פיר עסען.

איך האָב טאָג טעגליך, 8 מאָנאט דורכאנאנד, געהאט דיא מיהזאמע ארבייט, צו שטעהען וויא א שטיק האָלץ, זיך בייגען וויא א דראָט, און לאָזען אויף מיר מעסטען קליידער — פערשיעדענע קאָסטבארע און שעהנע קליידער — פיר אנדערע.

איך בין ניט געווען צופריעדען מיט מיין שיקזאל, און דיא געדאנקען, ווען וועט פון דעם אלעמען נעהמען א סוף, האָבען זיך אין מיר זעהר שטארק געדרעננט.

איך האָב געהאט א סך יונגע לייט, וועלכע האָבען געזאָגט, אז זייא ליעבען מיך. א טהייל האבען עס אויך גאַנץ ערנסט געמיינט, און צו א פּאאר האב איך אויך געשפּירט אביסעל ליעבע. אבער אלע זיינען געווען אזעלכע טויגעניכטסען, אז איך האָב זיכער געוואוסט, דאס נאך דער חתונה וועל איך גראדע אזוי דארפען פערשווארצט ווערען, וויא פאר דער חתונה.

„איך מוז ווארטען,“ האָב איך מיר געטראכט, „איך בין א גאַנץ שעהן מיידעל, און, טאָמער וועט זיך דאך צו מיר אבפרעגען מיין גליק.“

דאן איז „ער“ ערשיענען אין מיין ליעבענס-וועג.

ער האָט געהייסען טשאלי אויף דעם ערשטען נאמען. דעם צווייטען איז ניט נויטהווענדיג צו וויסען.

ער איז געווען הויך געוואקסען, שעהן געקליידעט און געהאט איין אנגענעה-

מעם געזיכט. איך בין שוין געגאנגען אויף מיין 18טעס יאהר, און ער איז פיעל־לייכט עלטער געווען מיט 3 אָדער 4 יאָהר.

ער האָט אויסגעזעהען זעהר לעבהאפט און אימער מונטער, און ווען ער האָט מיך צום ערשטען מאָל ערבליקט אין מיין ראָלע פון פיגור־דאמע, איז ער געבליבען שטעהען און מיך בעוואונדערט.

יא, דאמאלס האָב איך דאס געדעכענט אלס בעוואונדערונג, נאר יעצט, ווען איך האָב שוין מעהר ערפאהרונג איבער מענער, ווייס איך, אז יענער בליק איז געווען בעסטיאַליטעט.

ער האָט בעטראכט מיין ענטוויקעלטען בוזעם, מיין שעהנע טאַליע, מיין הויכע פיגור, און דאס געזיכט וואס איז ניט געווען מיאוס וואס ער האט זיך דאמאלס געטראכט, האָב איך צייט געהאט שפּעטער צו וויסען.

ער האָט זיך געטראכט, אז דאס איז א טהייערע סחורה, מיט וועלכער עס איז ווערטה צו פערברענגען א קורצע צייט אין לעבען און האבען פערגניגען.

ער איז געווען א פריינד פון דעם איינגענטהימער'ס זוהן. עס שיינט, אז ער פלעגט דאס געשעפט ניט בעזובען, נאר דאמאלס איז ער דורך א צופאלל אריין געקומען.

איך האָב שוין גערעדט ענגליש, און ער האָט מיך אנגעשפּראָכען אויך אין דיעזער שפּראכע. זיין שטימע האט געקלונגען אזוי עדעל און אזוי שעהן, אז איך האָב געמיינט, אז א מלאך רעדט צו מיר. ער האט מיך געפרעגט פון וואנען איך בין, אויב איך האָב עלטערן, ווער מיינע קרובים זיינען, און נאך אנדערע אזעלכע זאכען, וועלכע איך האָב בעטראכט אלס קלייניגקייטען.

דאן האט ער מיר געמאכט א קאָמפּלימענט, אז איך רעדט גאנץ גוט ענג־ליש, לויט דער צייט וואס איך בין אין אמעריקא, און מיר געזאגט, אז עס פרייט איהם מיין בעקאנטשאפט.

ווער ער איז געווען, האָב איך ניט געוואוסט. יעדענפאלס אבער, האָב איך מיר געטראכט, אז ער איז א קינד פון רייכע עלטערן, און ...... איך האָב ניט גע־וואגט אזוי פיעל האָפנונג מיר פאָרצושטעלען.

אבענד, דאס הייסט, אום 6 אוהר, ווען איך בין ארויסגעגאנגען פון דעם געשעפט, האט ער מיך בעגעגענט, אזוי וויא אונערוואַרטעט.

„אַך, פריילין,“ האט ער געזאָגט. „גוטען אבענד!“

„גוטען אבענד,“ האָב איך געענטפערט מיט עהרפורכט.

„געהט איהר אהיים אזוי שפעט?“

„יא.“

„און איהר וואָהנט דאָך אזוי ווייט?“

„איך מוז דאָרט וואָהנען.“

„און איהר האָט ניט גענעסען פון 12 אוהר אן?“

איך האָב עפּעס געמורמעלט אלס איין ענטפער.

„ווען איהר וועט מיר ערלויבען,“ האט ער געזאָגט צערטליך, „וועל איך אייך בעגלייטען ביז אין יענעם רעסטאָראנט, און מיר וועלען צוזאמען עסען נאָכטמאָהל.“

ניט נאָר איינמאָל בין איך פאָרבייגעגאנגען יענעם רעסטאָראנט פארנאכט, און געשפּירט, אז בין געווען שטארק הונגעריג, דעם גערוך פון דיא געשמאַקע שפּייזען.

איך האָב געוואוסט, אז איז עס טריפה. אבער איך האָב געהערט, אז אויך דיא ווורשט וואס מיר עסען איז טריפה, און איך האָב מיר געטראכט, אז כל־זמן מען עסט ניט קיין בשר, זאָל מען עסען וועניגסטענס עפּעס גוטעס.

טריף? איין עבירה? ווירקליך, איך האָב מיר געטראכט, אז עס איז מעהר עבירה פערטריקענט צו ווערען, אלס עפּעס גוטעס צו עסען, ווען עס איז אפילו ניט כשר.

זאָל איך אננעהמען דיא איינלאדונג? ווארום ניט? וואס איז דאָ פאר איין עולה? איך וועל עסען וועניגסטענס איינמאל אין מיין לעבען עפּעס גוטעס.

איך האָב איהם ניט געענטפערט.

„קומט אַלזאָ,“ האט ער געזאגט; און אָננעהמענדיג מיין האנד מיט זיינער, בין איך נאָכגעגאנגען.

אריין קומענדיג אין דעם עלעגאנטען רעסטאָראנט, האט עס אויסגעזעהען, אז מען קען איהם דאָרט. א קעלנער איז איהם ענטקעגען געקומען און ער האָט צו איהם געזאָגט, ער זאָל אונז אריינפיהרען אין א זייטען־צימער.

איך בין דערמיט געווען זעהר צופריעדען, ווייל מיינע ארמע ארבייט־קליידער האבען אויך ניט געפּאסט פיר דער דאָרטיגער עלעגאנטער געזעלשאפט.

מיר האָבען דאָרט גענעסען צוזאמען. וויפיעל איך האָב גענעסען, האָב איך געשפּירט דעם טעם גן־עדן אין יעדען ביסען. איך האָב גענעסען מעהר וויא איך האָב נאָך גענעסען אין מיין לעבען אויף איין מאל. ער האט מיך געפרעגט אויב

איך טרינק וויין אָדער ביער.״ און איך האָב געטרונקען איין גלאז ביער. מעהר האָב איך ניט געוואָלט.

דאַן האט ער מיך אָבגעפיהרט ביז צו מיין הויז, מיט געוואונשען „גוטע נאַכט,״ און איז אוועק.

איך וואָלט אין יענער נאכט זעהר גליקליך געווען, ווען דאס עסען וואָלט מיך ניט געשפּאַרט אונטער׳ן הארצען און מיר פעראורזאכט גרויסע שמערצען. דיא פרוי, בייא וועלכער איך האב געהאלטען דאס צימער, האט געהערט מיין קרעכצען און זיא איז אריין געקומען. זיא האט מיך געפרעגט וואס מיר פעהלט, און איך האָב איהר דערצעהלט, אז איך האָב געגעסען זעהר א גוטען נאַכטמאָהל.

„דאַן האט איהר זיך איבערגעגעסען,״ האט זיא געזאגט, און זיא האט וווירק־ליך פערשטאנען מיין קריינק. זיא האט מיר באלד אריין געבראכט עפּעס צו טרינ־קען, איך האָב ניט געוואוסט וואס דאס איז און איך האָב געטרונקען. דאַן האָב איך געבראָכען, און דאס האט מיר גרינגער געמאכט.

ארעמע לייט קענען צופיעל גוטעס ניט פערטראגען.

מיינע געדאנקען האבען געוואנדערט צו דעם יונגען מאַן, און איך האָב מיך געפרעגט וואס עס קען זיין.

„ער איז געווים רייך,״ האָב איך מיר געטראכט, „עס איז מעגליך ער זאל זיך אין מיר פערליעבען, און דאַן, אה גאָט! וויא גליקליך איך וואָלט געווען!״

איך בין איינגעשלאָפען נאך האלבע נאכט. אויף דעם אנדערען טאג בין איך געקומען אביסעל שפּעט צו מיין ארבייט. עס איז געווען דאס ערשטע מאָל, זייט איך בין דאָרט געווען אנגעשטעלט, אבער דיא דאמע־פערוואלטערין, האט מיר דאריבער פאַרווירפע געמאכט.

איך האב געמיינט, אז איך וועל איהם זעהען אין יענעם טאָג, אבער ער איז ניט געקומען. איך האב איהם אויך ניט געזעהען דעם 2טען און דריטען טאָג. דאַן האב איך מיר געטראכט, אז דאס איז מעהר גיט געווען וויא מיטלייד צו מיר, וואס ער האט מיר געגעבען א גוטען נאכטמאהל, און ניט מעהר. אונטער דיא רייכע לייט זיינען דאך דא אזעלכע גוטע מענשען!

דערווייל איז געווען זונטאג, נאר מאָנטאג נאכמיטאג, דאס הייסט, אויף 5טען טאג, איז ער ווידער געקומען און מיך געזעהען. ער האט געשטעלט דיא געוועהנליכע פראגע: „וויא גערט עס אייך, מיין פריילין?״ און איך האָב געענט־פערט: „איך דאנקע.״

דאן האט ער זיך אומגעווענדעט, עפּעס געררעדט מיט א העררן, און צום שלום האט ער מיך געפרעגט, אויב איך וואָלט נאך אמאל געוואָלט געהען עסען מיט איהם.

„ווען איהר וועט מיר ערלויבען, נאך דער ארבייט מיך צו געהען אנקליידען,“ האב איך איך געזאגט. „וועט מיר אייער געזעלשאפט מאכען פערגניגען.“

מיינע שעהנע ווערטער האב איך אויסגעלערנט אין דעם פּלאץ, וואו איך בין לעצטענס געווען. ער האט אויסגעזעהען צו האבען א פערגניגען דערפון, און געענטפערט:

„געוויס, געוויס, איך וועל אייך ערווארטען אין פראַנט פון אייער וואָהנונג, איך וויס דאך וואו דאס איז.“

דאן האט מיר געוואונשען „אדיע,“ און איז אוועקגעגאנגען.

צו זאגען, אז איך בין געווען גליקליך, איז ניט גענוג. איך האב געשוואומען אין פערגניגען. איך האב שוין דעם גאנצען טאָג ניט געוואוסט וואו איך בין אין דער וועלט, און אלץ געקלערט איבער דער מעגליכקייט, טאָמער, פיעללייכט, וועל איך איהם קענען געווינען.

איך האב געהערט פיעלע געשיכטען, וויא אזוי ארעמע מיידלעך האבען חתונה געהאט מיט אזעלכע עלעגאנטע יונגע העררען, און איך האב אנגעהויבען צו קלערען מיטלען, ענטווארפען פּלענער, אום איך זאל איהם געווינען.

ווען איך בין פערטיג געוואָרען, בין איך אהיים געלאָפען, און מיר אנגעפאנ־גען אויסצוזוכען מיינע שענסטע קליידער. איך האב מיך אָבגעוואשען ריין, שעהן, זויבער און מיך אנגעטהאן. איך האב מיך אנגעקוקט אין שפּיעגעל, און בין געווען צופריעדען מיט מי אליין.

„יא, איך בין שעהן,“ האב איך צו מיר אליין געזאָגט, „און גאָט, דוא בעשיצער פון יתומים, גיב מיר חן אין זיינע אויגען, ער זאל מיך ליעבען......“

איך געדענק, אז איך האב דאמאלס געוויינט. דאס האט אביסעל אויפ־געפלאמט מיינע בלייבע באקען, און איך האב אויסגעזעהען נאך שעהנער.

האב איך איהם געליעבט? ניין! דיעזע פראגע האב איך מיר גאר ניט גע־שטעלט. יא, איך בין געווען פאַלקאָמען צופריעדען דערמיט ער זאל מיך ליעבען.

דערמיט, זעהט איהר, איז דער אנפאנג פון פיעלע אונגליקליכע, וועלכע פער־געסען אן זייער אייגענע ליעבע. זייא זיינען צופריעדען ווען דער מאן וועט זייא ליעבען, און דאפיר, וועלען זייא האבען א היימאטה און א רוהיגעס לעבען.

אמת, עס איז א רעזולטאט פון אונזער עלענדע לאגע, וועלכע מיר ווילען זיך פערבעסערען, אבער עס איז פּאָזיטיוו א פערברעכען געגען זיך זעלבסט.

אבער ניט דאס איז דער עיקר.

ער האט מיך ריכטיג ערוואַרטעט אונטען, און איך האב איהם בעגעגענט מיט א קלאַפּענדעס הערץ.

מיר זיינען שוין געגאַנגען אין איין אנדערען רעסטאָראַנט, און איך בין גע־ווען פּאָרזיכטיג שוין מעהר ניט צו עסען צו פיעל, דאמיט איך זאָל ניט מוזען איינ־געהמען קיין ברעך־מיטעל.

ער האט זיך אויפגעפיהרט געגען מיר, זעהר קאַוואַליער־מעסיג, און איך האב איהם דערצעהלט עפּעס פון מיין לעבען, אויף אזוי וויט, אום עס זאָל ארויסרו־פען מיטלייד, אבער ניט קיין אבשייא.

דאן האבען מיר זיך בעגעגענט נאך עטליכע מאל, ווען מיר האבען געגעסען, עפּעס געטרונקען און גלאט שפּאַצירט.

איך האב אָנגעפאַנגען צו שפּירען צו איהם א געפיהל, פון גרויסער דאַנק־באַרקייט און פון ליעבע — אונגעפעהר אזא ליעבע וויא מיר שפּירען צו א ברודער, ווען ער איז גוט צו או .

6טעס קאַפּיטעל.

געפאַלגט דיא עצה.

וואס זאָל איך טהון? וואס קען זיין? וואס מיינט ער? בלויז איינמאָל האט ער מיר געגעבען א קוש, אבער דיעזער קוש איז געווען אזוי אונערוואַרטעט און האט אזוי ווייניג געדויערט, דאס איך האָב קיין צייט געהאט דאַרונטער צו שפּירען עפּעס א געפיהל.

איך בין אוועקגעגאַנגען צו מיינער א לאַנדס־פרוי, ניט צו מיין ברודער, וויל זיין פרוי האט מיך ניט געוואָלט אריינלאָזען אין הויז. פאר דיעזער פרוי, וועלכע איז שוין געווען א 12 יאהר אין אמעריקא, האב איך אלעס פערטרויעט און גע־פרעגט איין עצה.

„הער אויס,“ האט זיא געזאגט מיט איין ערנסטער מינע, „ערשטענס, מוזטו ערפאַהרען ווער ער איז.“

„דאס ווייס איך שוין,“ האב איך געענטפערט.

איך האָב געהערט, פון איין אנדערעס מעדכען, אז ער איז דער איינציגער

זוהן פון א רייכער אידישער אלמנה, און ער קריעגט 40 דאָלאר א וואָך פון איהר צום ספּענדרען.

„דאן זאלסטו הערען מיין עצה,“ האט מיין לאנדספרוי געזאגט. „ווען דוא קענסט איהם ארויף ברענגען אין דיין צימער, און עס זאלען דאבייא זיין א פּאאר בעקאנטע, דאן איז דאס זעהר גוט.“

„ער איז שוין געווען צווייא מאל,“ האב איך געענטפערט, „און דיא פרוי, בייא וועלכער איך האלט דאס צימער, האט איהם געזעהן.“

„דאן האָב איך ניט וואס צו רעדען. דוא מוזט איהם פרעגען וואס ער מיינט, און אין אזא פאל, אפשר וויל ער מיט דיר חתונה האבען.“

„איך האב נאך קיין געלעגענהייט געהאט, מיט איהם אזא געשפּרעך אנ־צופאנגען,“ האב איך געזאגט, „און איך האב אויך ניט דעם מוטה.“

„דוא דארפסט ניט זיין אזוי נאריש, דוא ביזט שוין ניט קיין קינד. א מויד פון 18 יאהר, פערשטעהעט שוין א געשעפט. פערקעהרט, גיב איהם דוא דיא געלעגענהייט, און, אין ערגסטען פאלל, קען מען עפּעס ארויס קריעגען פון אזא בחור......“

„ניין! ניין!“ האב איך אויסגעשריען, „זאל מיך גאָט אבהיטען!“

„ווען ניט, דאן קענסטו איהם נאכהער צווינגען ער זאל מיט דיר חתונה האבען; א סך מיידלעך האבען דאס שוין געטהאן, און זייא האבען קיין חרטה ניט. דא איז א גוטע מדינה, דיא עהרע פון א מיידעל, איז ניט קיין הפקר־זאך.“

איך בין פון איהר אוועק געגאנגען מיט טויזענדער געדאנקען אין קאָפּ. איי־דער איך האב מיט איהר גערעדט, האב איך שוין אויך געהאט עהנליכע אידעען, אבער יעצט, זייא הערענדיג פון איין עלטערער פרוי האבען זייא בייא מיר ערנס־טער אויסגעזעהען.

ער פלעגט דאן עפטער קומען אין מיין צימער. מיר האבען זעהר פיעל גע־שפּראָכען, אבער אין אמת׳ן, האב איך פון אלע רייד, צו מיין ציעל, גאר ניט גע־קענט אויסקלייבען. אין דערזעלבע צייט, האט ער אויך אנגעפאנגען מיר עפטערס א קוש צו געבען, און איך האב מעהרערע מאל, דעם קוש ערווידערט, שפּירענדיג אז איך גיב איהם פון דעם גאנצען הארצען.

עס איז געווען זומער, ווארעם און אונערטרעגליך אין דער שטאדט.

ער האט מיך איינגעלאַדען איך זאל מיט איהם ארויספאהרען זונטאג נאך ראקאָוויי־ביטש, צום ים, זיך באדען.

איך בין נאך קיינמאל דאָרט ניט געווען, און גלאט, אויס נייגיריגקייט, האב איך זאָפאָרט איינגעשטימט.

אך! דאס איז געווען א הערליבער טאג! מיר האבען זיך געבאדען און זיך אונטערהאלטען זעהר פיעל.

פערגעסט ניט, איך זאג דא מיינע אייגענע אידעען, און מיך קימערט ניט וויא אנדערע דענקען. א גאנצע וועלט, מענער מיט פרויענצימער באדען זיך צו־זאמען אין ים. מען געהט נאטירליך אנגעצויגען, אבער אונזער אלט־מאָדישער מנהג, געפעלט מיר אלס א בעסערער. וואס דער אייגענער מאן מיט זיין אייגענער פרוי טהוט, איז נאך צום פערצייהען, אבער גלאט מענער מיט פרויען זאָלען זיך בע־ריהרען אין וואסער...... איך וויים ניט, איבער מיר האט עס א געוואלדיגען איינ־דרוק געמאכט. אונגעאָכטעט דארויף וואס דאס וואסער איז געווען קאלט, האב איך געשפירט, ווען ער האט מיך בעריהרט, אז מיין בלוט קאָכט אין מיר. איך האָב אויסגעזעהען צו פערליערען מיין האלטונג, און איך האב געוואלט בלייבען נעבען זיין קערפער, אימער, אייביג, נאר אהן א שום אנדערע מיינונג.

ווען ער האט מיך אָבגעפיהרט אבענד אהיים, האב איך געשפירט א גרוי־סען קאָפּ־שמערץ, ער איז פערבליבען ביז שפּעט אין דער נאכט אין מיין צימער. איידער ער איז אוועק געגאנגען, האב איך איהם פערשפּראָכען, אז נעכסטען זונטאג וועלען מיר ווידער פאהרען.

מיר זיינען שוין געפאהרען נאך קאָני־איילאנד. נאך דעם וויא מיר האבען זיך אָבגעבאדען, זיינען מיר אוועק אין א האָטעל, וואו ער האָט גענומען א צימער, און אונז געהייסען ארויפברענגען עסען. מיר האבען אויך אויסגעטרונקען צוויא פלעשלעך וויין. איך בין געווען זעהר דאָרשטיג.

דער קאָפּ האט מיר געטומעלט און איך האָב געשפּירט א היטץ אין מיין פּנים.

„לעג דיך אביסעל, ליזא, דא אויף דער סאָפא,“ האט ער געזאָגט.

דאן האט ער מיך אויפגעהויבען, פון געבען טיש, און מיך צוגעפיהרט צו דער סאָפא. איך בין אומגעפאלען וויא געלעהמט.

ער האט זיך אויך געזעצט אויף דער סאָפא, מיט זיין רעכטער האנד האט ער אויפגעהויבען דיא האאר וואס זיינען אריבער געהאנגען איבער מיין געזיכט. דאן האט ער זיך צוגעבויגען און מיך געקושט.

זיינע הענד האבען געוואנדערט איבער מיין קאָפּ און געזיכט, ביז ער האט

בעריהרט מיין ברוסט, מיין גאַנצער קערפּער האט אויפגעציטערט פון אויפרעגונג. דאַן האָב איך געשפּירט וויא עס ווערט מיר קאַלט. ער האט זיך צונעבויגען נעהנ־טער און זיין קושערייא איז געוואָרען עפּטער.

„ניין! ניין! טשאַלי!" האב איך פּלוצלינג געזאגט, ווען ער האט בעריהרט מיט זיין האַנד מיין נאַקעטען קערפּער.

„זייא רוהיג, ליזא, קינד, איך טהו דיר גאר ניט," האט ער געענטפערט.

גאר ניט? איך האב שוין געשוויגען.

מיין הערץ האָט מיר שווער געקלאַפּט.

„אַך, טשאַלי!" האב איך געזאָגט זיך אויפהויבענדיג אביסעל, „ניין, ניין, איך ......"

ער האט דערשטיקט מיין שטימע מיט זיינע קושען.

דיא עצה וואס מיין לאַנדס־פרוי האט מיר געגעבען, האב איך גאַנץ גוט געדענקט, אבער דערמאהנענדיג זיך, אז מיין אונשולד, מיין איינציגעס פערמעגען, ועט צערשטערט ווערען, האב איך פּלוצלינג פערגעסען אן אלעמען און איך האב געוואָלט קעמפּפען, שרייען, מיך ראַטעווען.

אבער ער האט מיך אַלץ פעסטער געדריקט צו זיין ברוסט. מיך אויפגע־רעגט ביז צו דער העכסטער שטופע, און — איך בין געפאלען אַלס אָפּפער.

איך בין אין איין אויגענבליק געווען אויסגעניכטערט פון דעם וויין און פון דער אויפרעגונג.

הייסע טרערען האבען געפלאָסען פון מיינע אויגען און איך האב איהם בע־טראַכט אַלס מיין מערדער.

דאַן האב איך ווידער געדענקט אן מיין ראָלע וואָס איך דאַרף שפּיעלען, און בין צוגעפאלען מיט מיין קאָפּ אויף זיין ברוסט און ביטער געוויינט.

„טשאַלי!" האב איך געזאגט, „איך האב דיר געאָפּפערט אלעס וואס איין ארעמעס מעדכען בעזיצט, וואס וועט יעצט זיין?"

ער האט געשוויגען.

איין אונהיימליכע שרעק האט מיך ערגריפען.

„אַך טשאַלי!" האב איך נאך אמאל געזאגט, אבער נאך איידער איך האָב געענדיגט רעדען, האט ער זיך אבגערוקט פון מיר, און איז געבליבען שטעהען.

„ליזא" האט ער געזאגט. „ווען איך וואָלט געוואוסט, אז דאס איז דער פאַל, דאס דוא ביזט נאך א מעדכען, גיב איך דיר מיין עהרענוואָרט, אז איך

וואָלט דיך ניט בעריהרט, נאָר אזוי, פערזיכערע איך דיך, אלס עהרענמאן, דאס דוא זאָלסט עס ניט בערייען ....״

„אך!!!״ האב איך אויסגעשריען. איך האב אליין געהערט מיין שטימע, אבער אין נעכסטען אויגענבליק איז אלעס דונקעל געוואָרען ארום מיר, און איך געדענק מעהר ניט וואס עס איז געשעהען.

ווען איך האב ערוואכט, בין איך געלעגען אויף דער ערד נעבען דער סאָפא, און ער איז שוין ניט געווען.

איך האב געחלש׳ט פאר שמערץ פון זיינע ווערטער. איך האב מיך געשפירט זעהר שוואך, און בין דאן אהיים געפאהרען אהן א בעגלייטער.

7טעס קאפיטעל.

מעדכען עהרע.

אזוי ווענ און אָך איז שוין צו דער עהרע וואס מען מוז הייסען בעשיטצען. אנשטענדיגע מענער — אויב אזעלכע זיינען נאר דאָ — דארפען דאס וויסען, אָהנע מען זאל זייא הייסען.

איך האב יענער נאכט דורכגעוויינט מיינע קישען מיט טרערען.

ניין! ניין! ניט איהם האב איך געגעבען דיא שולד, זאָנדערן איהר, מיין לאנדס־פרוי, און איבערהויפט מיר אליין! מיך האב איך געשאָלטען און מיר גע־וואונשען דעם שלאג איידער דיא זונן וועט אויפגעהען. אבער דער שלאג קומט ניט אימער ווען מען וויל איהם.

אויף׳ן אנדערן טאג בין איך שוין צו דער ארבייט ניט געגאנגען. איך בין געווען קראנק און שוואך. דיא פרוי, ביי וועלכער איך האב געוואָהנט, האט גע־זעהען אז עס איז שוין 8 אוהר, און איך בין נאך אימער אין מיין צימער. זיא האט געוואוסט, אז איך בין זעהר ועגעלמעסיג און פינקטליך. זיא איז אריינגעקו־מען און מיך געפרעגט:

„וואס איז אזוי שפעט, ליזא? געהט איהר ניט היינט צו דער ארבייט?״

„ניין!״ האב איך געענטפערט, זייענדיג בייז אויף דער גאנצער וועלט.

דיא פרוי האט געוואָלט אוועקגעהען זעהענדיג וויא צאָרניג איך בין, אבער איהר פרויען־נייגיריגקייט האט דאדורך נאך מעהר געשטיעגען, און זיא איז גע־בליבען שטעהען, מיט איבערגעלעגטע הענד און מיך אָנגעקוקט.

זיא האט געוואוסט, אז נעכטיגען טאג בין איך אויסגעפאָהרען מיט טשאלי׳ן, און זיא האט זעהר געוואָלט וויסען וואס עס האט פאסירט.

בשעת איך האָב מיך געקייקעלט א גאנצע נאכט אויף מיין געלעגער און די טרערען זיינען פון מיר געלאָפען ווי פון א קוואל, האבען מיינע געדאנקען דערווייל געארבייט ווענען דער צוקונפט.

דאס איז געווען די איינציגע טרייסט, וואס האט מיך ניט געטריבען צום פערצווייפלונג. איך אליין האָב ניט געקענט ־עזען קיין צייטונגען, אבער איך האָב געהערט פון אנדערע דערמאָהנען, אז אין אזעלכע פעלע ווי מיר האט פּאסירט, ווען דער יונגער מאן האט ניט געוואָלט אלעס גוט מאכען דורך הייראטה, האָט דאס מעדכען געקריגען געלד.

געלד פיר מיין עהרע! עס האָט מיך געשווידערט. אבער וואָס איך האָב געקענט טהון? עס איז ביי מיר אונטערדעסען געבליעבען, דאס איך זאל נעהמען געלד, ווען עס וועט ניט אנדערש העלפען, און דאן...... יא, דאן, וועל איך זיין אונגליקליך, בערויבט און געשענדעט! אבער ניין, איך וועל מיך צוריק ציהען פון שלעכטע מענשען, לעבען פאר מיר אליין, און פיעללייכט וועט זיך יעמאַנד געפינען וואס וועט ביי מיר צונעהמען דאס געלד און מיר דערפאר געבען זיין נאמען. ער וועט מיט מיר הייראטהען ווי מיט איין אלמנה אדער גרושה, און די צרות וועלען פיעללייכט פערגעסען ווערען.

די פרוי איז ניט אוועק געגאנגען נאך מיין בייזען ענטפער. זי האט מיך אנגעהויבען אויסצופרעגען לאנגזאם, מיט אביסעל צערטליכקייט, און אין מיין עלענדקייט, האָב איך איהר אלעס דערצעהלט.

עס איז מערקווירדיג, דאס אויך ביי איהר האט די גאנצע געשיכטע אויסגעזעהען גאר א גליק.

„קליינע אונגליקען,“ האָט זי געזאגט, „אבי עס איז ווענינסטענס דאָ וועמען צו פערקלאגען און א האָפנונג עפּעס ארויס צו קריגען. דו ביזט דאָך איין ארמעס מעדכען, און געלד, מיין קינד, היינטיגע צייטען, איז א גרויסע זאך....“

עס איז א קלייניגקייט! אוועק צו רויבען די עהרע ביי א מעדכען איז א קלייניגקייט! און געלד איז אימשטאנדע אלעס צו פערדעקען! גאָט אין הימעל! מיך האט דאס אלעס געשווידערט. איך האָב ניט געקענט איינזעהען, ווי מען קען זיך אזוי גלייכגילטיג רעדען איבער דער עהרע, און אונשולד פון א מעדכען — אבער פערגעסט ניט, איך בין געווען איין ארמעס מעדכען, און דאס פערענטפערט שוין אלע תירוצים. ארמע מעדכען, על־כל־פּנים, קען מען קויפען ווי די שקלאפען.

די פרוי איז געווען א קאָבלעפעל, און זי האט געוואוסט וואו עס וואָהנען

דאָקטוירים און אדוואָקאטען. זיא האט מיך אוועקגעפיהרט פריהער צו א דאָקטאָר און, אָה גאָט! וויא אזוי איך בין ניט איינגעזונקען פאר חרפה, פערשטעהט איך ניט. יא, יא, חרפה און בושה האב איך נאך געהאט, דיעזע האט פון מיר דער שופט ניט אזוי לייכט געקענט אוועק רויבען. דער דאָקטאָר האט מיר פאר א דאָלאר ארויס געגעבען א פאפיר, אז איך בין געשענדעט געוואָרען. דאן זיינען מיר אוועק געגאנגען צו איין אדוואָקאט.

דיעזער איז געוועזן איין עלטערער מענש, געוויס א פאטער פון קינדער, און ווען איך האָב פאר איהם דערצעהלט דיא גאנצע געשיכטע, מיט דער הילפע פון דער פרוי, האט ער אויסגעזעהען מיך צו בעדויערן.

„אזעלכע פראָצעסען,“ האט ער באלד בעמערקט, „זיינען מיר גראדע זעהר אונאנגענעהם, ווייל דאָ שפיעלט ניט אימער דיא ראָלע ווער עס האט רעכט. איך, מיין קינד, גלויב יעדעס וואָרט וואס דוא זאגסט מיר, אבער ווען דיא אנגעלעגענהייט קומט פאָר פאר א געשוואָרענעם געריכט, און דיא געגענפּארטייא, מיט געלד צו איהר פערפיגונג, מיט אדוואָקאטען וואס פערדרעהען א קאָפּ ......“

„אבער מיין העררר ..“ האב איך געזאגט און דיא טרערען האבען מיך געשטיקט.

„עס איז גאנץ ריכטיג, מיין קינד, איך גלויב דיר,“ האט ער געאגט, „אבער דיין איינפאכע געשיכטע קען ניט אזוי געשילדערט ווערען פאר דיא געשוואָרענע, דאָרט האָבען מיר געזעצליכע פונקטען, און ...... יעדענפאלס, איך וועל אננעהמען דעם פראָצעס.“

ער האט אריין געשיקט א בריעף צו טשאַלי'ס מוטער, איהר אנצייגענדיג וואס עס האָט פאסירט, און ער האָט זיא געראטהען, אום צו פערמיידען סקאנ־דאָל, זאָל זיא זעהען אלעס גוט צו מאכען.

ווען דיא אלטע פרוי האָט דאס דערהערט, איז זיא געוואָרען וויטהענד. זיא האָט זיך אונטערדעסען געזעהען מיט איהר אדוואָקאט, וועלכער האט דאן געהאט איין אונטערעדונג מיט מיין אדוואָקאט. ער האט מיך געשיקט רופען, און מיר געזאגט:

„טשאַלי לייקענט זיך אב פון אלעמען. ער זאגט, אז עס איז אמת, דאס ער פלעגט דיך קומען בעזוכען, אבער ער איז מיט דיר גאר ניט געוועזן אין קאָני־איילאנד ...... נאָר, אום צו פערמיידען סקאנדאל, האט זיין מוטער דיר אנגעבאָטען 200 דאָלאר. ער אליין האט ניט קיין געלד און קען אלזאָ גאר ניט געבען.“

וואס האָב איך געקענט ענטפערן? איך האָב געוויינט.

יא, יא, אזוי האט מען גערעטעט און בעשיטצט מיין מעדכען־עהרע.

„איך ראטה דיך ניט,“ האט דער אדוואָקאט צו מיר געזאגט, „דוא זאָלסט דאס אננעהמען. איידער אזא אונבעטיידענדע סומע, וועלען מיר בעסער אנפאנגען א פּראָצעס.“

ווען דיא אנגעלעגענהייט איז אריין אין געריכט, און טשאַלי איז געשטעלט געוואָרען אונטער א גאראנטיע פון 2000 דאָלאר, האט זיין מוטער ערקלערט, אז זיא גיבט מעהר קיין סענט.

מיר זיינען ערשיענען פאר א געשוואָרענעם געריכט און פאר איין ערנסטען ריכטער. טשאַלי האט גאר ניט אָבגעזייקענט מיין בעהויפּטונג פון אונזער בעקאנטשאפט, אבער זיין אדוואָקאט האט געזאגט, דאס איך בין איין ערפּרעססערין, און איך בין־דיען זיך מיט דער געלעגענהייט ארויס צו קריעגען געלד, וויסענדיג, אז טשאַלי׳ס מוטער איז רייך. אין דער וואהרהייט געשפּראָכען אבער, האט ער געזאָגט, בין איך איין אויסגעלאסענע, בעקאנט אין דיעזער פּראָפעסיאָן שוין זייט יאָהרען.

איך האָב געוואָלט צו שפּרינגען צו דיעזען שופט און ארויס רייסען זיינע אויגען. אבער איך האָב געשפּירט, אז זיינע ווערטער האבען וויא געלעהמט מיין גאנצען קערפּער. מיר איז פינסטער געוואָרען פאר דיא אויגען, און איך האב א היבשע צייט מעהר ניט געהערט און געזעהען וואס דאָרט געהט פאָר. ווען איך בין צו מיר געקומען, האב איך ערבליקט דיא ווילדע בליקען פון דיא געשוואָרענע געריכטעט צו מיר, און אויף׳ן צייגע־שטוהל איז געזעסען איינער פון דיא יונגע לייט, מיט וועלכע איך האָב געטאנצט אין טאנץ־זאאַל פון העסטער סטריט, און דערצעהלט, אז ער איז איבערצייגט, דאס איך בין געווען איין עפענטליכע אויסגעלאסענע נאך צוריק מיט 3 יאהר. איך האָב געוואָלט אויסשרייען, נאר איך האָב ניט געקענט. א טומלען און א שווינדלען פאר דיא אויגען איז געקומען; איך האָב געהערט דיא שטימע פון א צווייטען בעקאנטען, וועלבער האט זיך נאך שרעקליבער אויסגעדריקט, און איך בין אומגעפאלען אָהנמעכטיג.

ווען מען האט מיך דערמינטערט און אבגעפיהרט א היים, האט עס גענומען נעהמען נאך א היבשע צייט ביז איך זאל מיר איבערקלערען אלעס וואס עס איז געשעהען, און ערשט דאן, האב איך ערפאהרען, אז ניט נאר וואס טשאַלי איז ארויס פרייא, זאָנדערען מען האט מיך געסטעמפעלט אלס איין אויסגעלאסענע און פערדאָרבענע......

8טעס קאפּיטעל.

איין ערפאַהרענע.

ניין, הערצער האבען קיינע פענסטער, און מען קען ניט אריין קוקען אין דיא פערבאָרגענע חדרים׳לעך. ווען יעמאנד וואָלט דאמאלס געקענט אריינקוקען אין מיין הערץ און זעהען וואס דאָרט איז פּאָרגעגאנגען, מיין איך, אז ער וואָלט גע־קענט ערבליקען א גליהענדעס פייער ברענען און מארטערן, אָהנע עס זאָל מאַכען איין ענדע פון דיא צרות.

וואָרום האָב איך ניט געהאט דעם מוטה דאמאלס צו שטאַרבען? וואס האט מיך צוריק געהאלטען צו מאַכען א סוף פון מיין פינסטערען מזל? דיעזע פראגען האב איך מיר קיינמאל ניט געקענט בעענטפערן.

איך האָב מיך געשעהמט פאר דער גאנצער וועלט, זאָגאר פאר דעם צימערל וואו איך האָב אָבגעוואָהנט איבער א יאָהר, און איך בין פון דאָרט אוועק ווייט, ארויף אין דער שטאדט, וואו איך האָב מיך איינגעדונגען בייא א פאמיליע אין קאָזשיע, צו צאהלען 3 דאָלאר א מאָנאט.

ארבייטען האָב איך ניט געקענט, און איך האָב געהונגערט. דאן האט מיר דיא פאמיליע געזאגט, איך זאָל דאָרט עפּעס אויסהעלפען און איך וועל דאפיר קריעגען עסען און שלאפען.

איך בין מעהר ניט געגאנגען אהין וואו מען האט מיך געקענט. מיין ברודער איז אפילו נייגיעריג געווען פריהער, מיך צו זעהען, ווען ער האט געהערט, אז עס שטעהט מיר רייך צו ווערען פון מיין שענדער, אבער נאכהער, האט ער שוין פון מיר ניט געוואָלט וויסען.

אליין! אימער אליין און עלענד!

דורך דער בעקאנטשאפט פון א פּאאר מיידלעך, וועלכע האבען ניט גע־וואוסט פון מיין פערגאנגענהייט, בין איך שפּעטער אוועק ארבייטען אין א בלומען־פאבריק. איך האב אנגעהויבען צו פערדיענען 4 דאָלאר א וואָך. איך האב געלעבט זעהר צוריק געצויגען, און האב קיינע מענער־בעקאנטשאפט געוואָלט מאַכען.

אבער צו דער פאמיליע וואו איך האב געוואָהנט, פלעגט ארויף קומען א יונגער מאן, וועלכער איז געווען אנגעשטעלט אלס פערקויפער פון א גרויס גע־שעפט. זיין האלטונג און זיינע קלוגע רייד, האבען מיך זעהר פעראינטרעסירט. מיינע באקען האבען ווידער אָנגעהויבען צו בליהען און דאס האט איהם צו מיר אָנגעצויגען.

נאך א קורצער בעקאנטשאפט מיט איהם, האט ער מיך געפרעגט — אויף זעהר איין אנשטענדיגער ארט — אויב איך וויל ווערען זיין פרוי. איך האב איהם געוואָלט קושען זיינע הענד פאר דיעזער אויפפאָרדערונג, אבער איך האב מיך צוריק געהאלטען מיט אַלע כוחות, און איהם געזאָגט, אז איך וועל איהם געבען איין ענטפער.

עס איז איבריג צו דערצעהלען, אז איך האָב איינגעשטימט.

ער איז געווען עדעל, גוט, צערטליך און א מענש וואס האָט געקענט דיא וועלט.

איך בין געווען אזוי גליקליך, אז איך פלעג פאר גליק ניט קענען שלאָפען גאַנצע נעכט. און איך האָב איהם אזוי געליעבט, אז איך בין אומשטאַנדע געווען מיר צו לאָזען אָבהאקען א האנד פאר זיין מינדעסטען וואונש אבער אין מיטען פון דיעזען גליק, פלעג איך מיך דערמאהנען, אז דאס איינציגע פערמעגען וואס איך האָב בעזעסען, איז פון מיר בערויבט געוואָרען, און איך בעטריג איהם אויף שריט און טריט, וועלכעס ער וועט מוזען פריהער אָדער שפּעטער ערפאהרען, און דאן ...... דער געדאנק האט מיך שיער משוגע געמאכט.

ער האָט אונטערדעססען געדונגען דרייא צימערן און מיר געזאגט, אז מיר וועלען זיך פערהייראַטהען בייא א ריכטער, און ער וועט געהען וואָהנען מיט מיר. ער האט קיין קרובים ניט געהאט און אויך ניט געוואָלט מאכען קיין אויסער־אָרענטליכע צערעמאָניע.

איך בין זעלבסט פערשטענדליך דערמיט געווען העכסט צופריעדען.

מיט א פאאר טעג פאר אונזער האָכצייט, האט ער זיך אוועק געזעצט מיט מיר און מיר דערצעהלט א היבשען טהייל פון זיין פערגאַנגענהייט, וואו איך האב געפונען ניט וועניג פערדאָרבענהייט.

ער האט עס מיר דערצעהלט, כדי איך זאָל דאס וויסען, איהם בעסער קענען, אבער מיט קיין אנערקענונג פון שולד. מענער, פערשטעהט איהר, מעגען דאך אַלעס טהון און זייא זיינען אימער גוט און פרום.

דאן האט ער מיר געזאגט, אז ער איז ניט רעליגיעז, און ער וויל, איך זאָל איהם פערשפּרעכען, איהם ניט צו הינדערן, אין דעם וואס ער וועט וועלען טהון; וועהרענד מיר, ווען איך בין רעליגיעז, וועט ער אויך גאר ניט הינדערן.

איך האב צו אַלעמען איינגעשטימט, און וועהרענד דעם, איז מיר איינגע־פאַלען, איך זאָל איהם אומארמען, צו דריקען צו מיין ברוסט, און מיט טרערען

אין דיא אויגען פאר איהם אנערקענען מיין אונגליקליכע פערגאנגענהייט און איהם פערשפרעכען, אז טראָץ דעם, וועט ער האבען דיא בעסטע און געטרייעסטע פרוי אין דער צוקונפט. אבער מעהר וויא טרערען האב איך ניט געקענט ארויס־ברענגען.

אבענד האב איך אוועק גערופען דיא פרוי פון דער פאמיליע וואו איך האָב געוואָהנט, און וויא פאר איין אייגענער מוטער, האב איך איהר אויסדערצעהלט מיין הארץ.

„איך וועל איהם אלעס דערצעהלען!“ האב איך געזאגט צום שלוס, „ער איז גוט, עדעל און ליעבט מיך, און ער וועט איינזעהען, אז איך בין נאָר צום בעדויערען.“

„חלילה וחס!“ האט זיא אויסגעשריען, „ליזא! דוא געהסט דיך אונגליקליך מאכען! ווען מענער ערפאהרען פון אזעלכע זאכען, דאן ......“

איך האָב געוויינט, און געפרעגט וואס איך זאָל טהון.

זיא האט זיך צוגעבויגען צו מיר און מיר געזאגט, אז זיא קען מיר העלפען.

איך האָב געציטערט וויא א פיש אין וואסער. איך האָב געדענקט אלעס וואס דיא פרוי האט מיר געזאגט און גענעבען צו טהון, אום איך זאל קענען אָב־נארען מיין מאן. אבער מיין אויפרעגונג, האט צוגעצויגען זיין אויפמערקזאמקייט, און ..... ער האט ענטדעקט דעם גאנצען שווינדעל!

ער איז ארונטער געשפרונגען פון בעט, אויפגעצויגען דעם לאָמפ, געבליקט צו מיר ווילד און בייז, און געפרעגט אויף איין ערקלערונג.

איך האב געשוויעגען.

ער האט מעהר ניט געשפראָכען. ער האט זיך אָנגעצויגען און פערלאָזען דאס צימער.

וויא גוט עס איז צו האבען א טבע פון חלש'ן; מען פערגעסט אויף א קור־צער צייט אן דעם עלענד פון לעבען.

מיט עטליכע מינוטען נאכדעם וויא ער האט פערלאָזען דאס צימער, האָב איך מיך אויפגעהויבען פון בעט, איהם צוריק רופען, אבער איך בין אומגעפאלען אָהנמעכטיג.

ווען איך האָב ערוואכט, האט שוין אָנגעהויבען צו טאגען.

איך האב מיך שנעל אנגעקליידעט און געעפענט דיא טהיר.

דיא צווייטע טהיר איז געשטאנען אָפען. דאס לאַכענדע געזיכט פון א יונ־גער פרוי, האט מיך בעגריסט מיט א „גוט מאָרגען."

דיעזע איז געוועזן א יונגע דייטשע פרוי, וועלכע האט געהערט, אז א יונגעס פּאאר האט זיך אַריינגעצויגען נעבען איהר, און אום מיט מיר צו מאכען בעקאַנט־שאַפט אלס א שכנה, האט זיא אנגעהויבען צו ווערען פריינדליך.

איך האָב איהר געענטפערט.

דאן האט זיא מיך עפּעס געפרעגט וואס איך האב ניט גוט פערשטאַנען.

דערוויל האָב איך צוגעמאכט דיא טהיר און בין ארונטער דיא טרעפּען.

אין דרויסען איז געוועזן קאַלט און א לייכטער שנעע האט אנגעפאַנגען צו געהען. איך בין געלאָפען שנעלל, שנעלל, אבער וואוהין האב איך ניט געוואוסט.

פלוצלינג בין איך געבליבען שטעהען.

„וואוהין געה איך?" איז געוועזן מיין פראַגע. אבער איך האב ווידער אָנ־געהויבען צו לויפען, און איך האָב שוין אלעס געוואוסט.

„אהין, אהין, צום ריווער — אין דעם קאַלטען וואסער, דאָרט וועל איך קע־נען אויסלעשען דאס לעבענס־פייער אין מיין אונגליקליכען קערפּער, און פון דיא צרות וועט נעהמען איין ענדע ...."

איך געדענק, אז א פּאאר מענשען האבען זיך אָבגעשטעלט, מיר נאָכגעקוקט, וואהרשיינליך, וויל איך בין אזוי געלאָפען.

דאן איז דאס וואס ערשיינען פאר מיינע אויגען. איך האָב איין אויגענבליק געצאָגערט, אבער אין נעכסטען אויגענבליק, האב איך געמאכט דעם שפּרונג. איי־דער איך האָב דערפיהלט דאס קאַלטע וואַסער, האב איך געשפּירט א מערק־ווירדיגע צופריעדענהייט מיט מיר אליין, ווארום איך האָב געפּאסט דעם ענטשלוס פּטור צו ווערען פון דער וועלט.

מיין נעכסטענס געפיהל איז געוועזן א קאַלטער שטראָם וואסער אויף מיינע הענדע, געזיכט און האלז. איך האָב אויך געשפּירט וואסער, געזאַלצענעס און שלעכ־טעס וואסער, איינדרינגען אין מיין מויל און איך האב אָנגעהויבען צו הוסטען.

דערוויל האָב איך געפיהלט, אז איך זינק טיעפער, און דאן בין איך וויע־דער ארויף געקומען. א שרעקליכער שווינדעל האט מיך אָנגעכאַפּט, ווען איך האָב דערפיהלט דאס וואסער, קאַלט און שניידענדיג, ארום מיין קערפּער; דאס בילד פון מיין אַלטער מוטער איז ערשיענען פאר מיינע אויגען; איך האב דאן שטארק

חרטה געהאט דארויף וואס איך נעהם מיר דאס לעבען; איך האָב ווייטער געוואָלט לעבען, אבער דאן — האב איך פערלוירען מיין בעוואוסטזיין.

ווען איך האב ערוואכט, בין איך געלעגען אויף א בעט אין האָספיטאל, און צווייא דאמען זיינען געשטאנען נעבען מיר און פון מיר ארונטער געצויגען דיא נאסע קליידער.

9טעם קאפיטעל.

אנגעקלאגט און פעראורטהיילט פאר וועלען בעגעהען זעלבסטמאָרד.

עס איז א מערקווירדיגע זאך וויא איך בעטראכט מיר דאס לעבען, און וויא דיא הערררע; וואס מאכען דיא געזעטצע, אדער וועלכע פיהרען דורך דיא געזעטצע, בעגרייפען דאס.

אונצעהליגע מאל, אין מיין עלענד, האב איך פערפלוכט מיינע עלטערן. עס האט מיר אפילו שפעטער באנג געטהאָן ווארום איך האָב אויסגעשפראָכען אזעל־ווערטער, אבער, אויף'ן פלאטץ, האב איך געהאט פאר מיר א פערטהיידיגונג.

מיין טאטע, א איד, א קבצן, וועלפער האט געהאט א דורכגעפוילטע לונג, האט גאר קיין רעכט ניט געהאט חתונה צו האבען און ברענגען קינדער אויף דער וועלט זייא זאלען זיין אויף צרות. דאן, ווען ער האט שוין יא חתונה געהאט און געוואָלט ערפיללען זיין פערגניגען מיט מיין מאמע, האט ער דען אמאָל געטראכט אז ער וועט מיך שאפען?

איך בין זיכער, אז דאס איז קיין מאָל ניט געוועזען דער פאל. אמת, איין אָרימאן האָט אויך א נשמה, וויא מען רופט דאס אן, און ער האט אויך געוואָלט האבען פערגניגען. אלזאָ, מיין טאטע און מיין מאמע האבען זיך פערשאפט פער־גניגען און געבראכט אזא אונגליקליכע וויא איך אויף דער וועלט. וואס האב איך בעדארפט טהון דערפאר? זייא זיין דאנקבאר? דאס האָב איך ניט געקענט. אין מיין עלענד האב איך זייא געשאָלטען פאר וואס זייא האבען מיך געבראכט אויף דער וועלט.

איך מוז אייך דערצעהלען פון נאך א געפיהל וואס האָט זיך אין מיר ער־וועקט ליעגענדיג אין האָספיטאל: מיין טאטע האָט מיר אמאָל דערצעהלט און מיין מאמע האָט עס שפעטער ווידערהאָלט, אז פאר טהון איין עבירה וועט מען מיך שטראפען אויף יענער וועלט. ווען דאס איז אמת, האב איך שטארק פער־איבעל געהאט אויף'ן רבונו־של־עולם פאר אזא אונרעכט.

סטייטש, וויא הייסט דאס איך זאָל בעשטראפט ווערען, ווען דיא נויט טרייבט מיך צו טהון עבירות? ווען גאָט וויל איך זאָל ניט טהון קיין עבירות, וואָרום בעזאָרגט ער מיך ניט מיט אלעס גוטע וויא ער טהוט מיט פיעלע אנדערע מענשען? איז דאס מיין שולד ווען דיא נויט טרייבט מיך צו אלע ניעדערטרעכטיגקייטען? און דאן, ווען דער בעכער איז שוין פול געוואָרען מיט טרערען, האָב איך געוואָלט מאכען אַ סוף פון אלעמען און מיר נעהמען דאס לעבען. איך האָב פערגעסען, צו דערצעהלען, אז בשעה איך בין אריין געשפּרונגען אין וואסער, האב איך מיך אויך דערמאהנט, אז בענעהען זעלבסטמאָרד איז איין עבירה, און דאס האָט מיך אָנגעפילט מיט שרעק.

אבער איך בין שוין דאָ פעפקראָכען אויף גאַנץ אנדערע וועגען. איך האָב נאר געוואָלט זאגען, אז מען האט מיך ניט געלאָזען ניט לעבען און ניט שטארבען.

נאָר וואס עס אנבעלאנגט נאכ׳ן טויט, מוז איך מודה זיין, אז עס האט מיך שוין ניט אזוי פיעל געקימערט. איך האָב מיר געטראַכט, ווען איך וועל זיין אמאל ערגעץ דאָרט, אויף יענער וועלט, און מען וועט מיך פרעגען אויף חשבון, וועל איך זייא שוין וויסען וואס צו ענטפערן.

דאס ערגסטע איז אבער פאָרלויפיג געווען דאָ אויף דיעזער וועלט. כל־זמן איך בין געלעגען אין דער ערד און פערשוואַרצט געוואָרען וויא אַ בארג, איז צו מיר קיינער ניט געקומען פרעגען וואס איך טהו, וויא עס געהט מיר און אויב איך קען אזוי לעבען. קוים האב איך נאר געוואָלט אבשיעד נעהמען פון דער פינסטערער וועלט, האב איך ערפאהרען, ליעגענדיג אין האָספּיטאל, אז מען טאר דאס ניט טהון.

בשעת איך בין אריין געשפּרונגען אין וואסער, האט דאס אַ פּאָליציסט בעמערקט, און ער איז מיר נאכגעשפּרונגען און מיך גערעטעט.

אבער דערפאר וואס איך האב געוואָלט בענעהען זעלבסטמאָרד, האט מען מיר גענזאגט, וועל איך בעשטראפט ווערען.

איך האָב אום קיינעם פרייז ניט געקענט פערשטעהען דיא אורזאכע, וואָרום עס קומט מיך צו בעשטראפען.

בין איך ניט געלעגען אין דער ערד? האב איך ניט געהאט גענוג צרות? איז דען שוין מיין בעכער ניט געווען פול מיט גיפט ביז איבער דעם ראנד? וואָרום אלזאָ האב איך ניט געטאָרט מאכען אַ סוף פון אזא חושך׳דיג׳ער וועלט?

ווער האט דאס מעהר רעכט איבער מיין לעבען וויא איך זעלבסט? אבער טענות אהין, טענות אהער, עס העלפט ניט, עס עקזיסטירט אזא געזעץ און מען מוז דאס בעפאָלגען; ווער עס וויל ניט, צווינגט מען צו בעפאָלגען.

דעם ערסטען טאָג וואס איך בין געווען אין האָספּיטאל, האב איך מיך געשפּירט זעהר שוואך, אויף'ן אנדערען מאָרגען אבער, בין איך שוין געווען מעהר געשטארקט. איך האָב געזעהען ארום מיר א פּאאר מיטעליעהריגע פרויענצימער, וועלכע האבען בעדיענט נאך אנדערע קראנקע און אויך א פּאאר ערצטע, וועלכע האבען זיך איינינע מאָל אינטערעסירט מיט מיר.

איך האב מיר דאמאלס געטראכט, אז דער טייפעל איז דאָך ניט אזוי שווארץ וויא מען מאלט איהם, און נאך א־עמען, גיבט עס נאך אימער גוטע מענשען אויף דער וועלט.

צו מיין בעדויערען, האב איך אבער געהאט א גרויסען טעות. די זאָרג ארום מיר, איז נאר געווען אום מיך געזונד צו מאכען, כדי איך זאל נאכהער קענען עמפּפאַנגען די שטראפע פאר מיין „פערברעכען." אנו־ערע קראנקע, וועל־כע מען האט אפילו ניט בעדארפט בעשטראפען, האט מען אויך קורירט, אבער נאָר מיט דער אבזיכט זיי געזונד צו מאכען דאמיט זיי זאָלען קענען ווייטער ליידען צרות.

איהר מעגט זאגען וואס איהר ווילט, מיין מיינונג איז, דאס ווען א מענש ליידעט מיזהר וויא ער קען ערטראגען, זאל ער זאגען אדיע צו דיעזער שלעכטער וועלט, און דערמיט מאכען א סוף פון זיין פעקעל צרות. זאָל זיך יעדער בעהויפּ־טען וואס ער וויל, איך גלויב אבער, אז עס קען גאָר ניט זיין קיין גיהנום אויף יענער־וועלט, וואס זאָל ענטהאלטען אזוי פיעלע מארטערנים וויא אין א גיהנום אויף דיעזער וועלט. פון אזא גיהנום צום ביישפּיעל, וואס איך האב געהאט אויסצושטעהען.

אויף'ן צווייטען טאג געגען מיטאג־צייט, האָב איך פּלוצלינג אנגעפאנגען שרעקליך צו הוסטען, הפנים פון דעם קאלטען וואסער וואוהי'ן איך בין ארייננע־שפרונגען און זיך פערקיהלט, וועהרענד דעם הוסטען, האב איך אויך געשפּירט א העפטיגען שמערץ אין מיין ברוסט, און אין איינינע סעקונדען צייט נאכדעם וויא דער הוסט האט אביסעל נאכגעלאָזען, האב איך געפיהלט בלוט געהענדיג דורך מיין מויל.

די פרוי וואס האט מיך בעדיענט, האט שנעל גערופען א דאָקטאָר, און

נאכדעם וויא עס זיינען פאַראיבער אַ פופצעהן מינוטען וואס דאס בלוט האט גע־רונען, איז עס דעם אַרצט געלונגען צו פערהאַלטען דעם שטראָם.

ער האט מיך דאן אויסגעפרעגט איבער מיין גאַנצער משפחה פון וואס מאנכע זיינען געשטאָרבען אָדער פון וואָס פאַר אַ קראַנקהייטען אַנדערע ליידען. איך האָב איהם דערצעהלט וויא אַזוי מיין פאַטער איז געשטאָרבען.

„הם,“ האָט ער געברומט, „דאס איז עס! אַ ירושה זאַך! נאַר, ווען דוא וואָלסט בעסער געלעבט, וואָלסטו דערצו ניט געקומען.“

איך האָב האַלב פערשטאַנען דיא מיינונג פון זיינע ווערטער, אבער זאָגסט האט מיך דיא גאַנצע געשיכטע ווייניג בעקימערט. אין געגענטהייל, עס האט מיך אָביסעל געפרייט וואס דורך אַזאַ צופאַל, וועל איך דאָך ענדליך קענען פטור ווע־רען פון דער וועלט, טראָטץ דעם געזעטץ וואס ערלויבט עס ניט.

„אַ בלוט־שטורץ,“ האָב איך געהערט וויא דיא פרוי וואס האט מיך בע־דיענט, האָט געזאָגט צו איין אַנדערע, וועהרענד יענע האט געפרעגט וואס עס האָט פּאסירט.

„ריכטיג,“ האב איך מיר געטראַכט, „אַזוי האט עס אויך פּאסירט מיט מיין טאַטען, לויט וויא מיין מאַמע פלעגט דערצעהלען. בייא אונז רופט מען עס טשיאַכאָטקע, שווינדזוכט, און דאָ הייסט עס, בלוט־שטורץ. זאָל זיין אַזוי, אבי דאס איז דער מלאך המות.“

איך בין געווען גאַנץ גלייכגילטיג. ערגער וויא דער טויט קען שוין ניט זיין, און דער טויט אליין, נאָך אַלעמען, איז גאָר ניט אַזוי שלעכט.

דער דאָקטאָר האט מיר געהייסען געבען מילך און ביסלעך וויין. אין צווייא טעג צייט, האָב איך מיך געשפירט פאָלקאָמען געזונד.

ערשט אויפ׳ן פיערטען טאָג ארום 9 אַ זייגער אין דער פריה, האב איך ער־פאהרען, אַז איך בין אַ געפאַנגענע, און דיא גאַנצע צייט פון מיין זיין אין האָס־פּיטאַל בין איך געווען בעוואַכט.

אַ געהיים־פּאָליציסט איז ערשיענען און איז מיט מיר אַוועק אין דער פּאָלי־צייא־סטאַציאָן וואו מען האט מיר געשטעלט אייניגע אונבעדייטענדע פראַגען, און דאַן האט מען מיך אַוועק געפיהרט אין אַ געריכטס־הויז.

איך בין געווען צו פיעל בערוישט אום צו קענען אבפאַסען וואס איך זאָל זאָגען און ענטפערן.

ערשטענס האָב איך מיך עראינערט אַן מיין ברודער און איהם בעשולדיגט,

אז ער איז קיין מענש ניט, כל־זמן ער האט אויף מיר ניט אכטונג געגעבען, דאן האב איך אין מיין הארצען געפלוכט מיין שווענערין, רעכענענדיג, אז זיא איז אין אלעמען שולדיג, און ווען ניט זיא וואס האט מיך ארויסגעטריעבען פון הויז, וואלט איך גאר צו דיא אלע צרות ניט געקומען. פון מיין ברודער און שווענערין האבען געוואנדערט מיינע געדאנקען צו מיין ערשטען פערפיהרער און שענדער. און אבוואהל ער איז דאכט זיך געווען דיא הויפט קוועלע פון מיין אונגליק, האב איך איהם ניט געקענט פערדאמען.

ווארום? דאס וויים איך ווירקליך ניט; מיר פרויען זיינען אמאל מערק־ווירדיגע ברואים.

ווען איך האב מיך דערמאהנט אן מיין מאן, מיט וועלכען איך האב גע־זעטצליך געהייראטעט, בין איך געווען פערווירט. פאר מיינע אויגען האט עס גע־שווינדעלט און איך האב געשפירט דאס בלוט לויפען אין מיין געזיכט.

איך האב מיך אנגעהויבען צו פרעגען, ווארום איך האב איהם בעטראגען, און אויב עס וואלט ניט פיעלייכט גלייכער געווען ווען איך וואלט איהם דערצעהלט פריהער דיא גאנצע וואהרהייט, און ער וואלט מיר פיעלייכט מוחל געווען, אויף מיר רחמנות געהאט......

דער שטראם פון מיינע געדאנקען איז דערבייא אונטערבראכען געווארען, ווען איך האב געהערט אויסרופען מיין נאמען.

דער געהיים־פאליציסט, וואס איז געזעסען נעבען מיר, האט מיר געהייסען אויפשטעהען און מיך צוגעפיהרט צו א הויכען טיש. פון דער אנדערער זייט, איז געזעסען א גלאט־געראזירטער שעהנער מאן, פון א יאהר דרייסיג, מיט שווארצע וואנצעס און גלענצענדע אויגען.

איך האב גלייך ערפאהרען, אז דאס איז דער ריכטער.

מען האט מיך צוגעפיהרט צו א הויכען שטוהל וואו מען האט מיר גע־הייסען זיך זעטצען.

דער ריכטער האט עפעס געזאגט, און מיר געהייסען אויפהייבען דיא רעכטע האנד. דאן האט ער ווידער עפעס געמורמעלט, און צום שלום האט מען מיר געגעבען א בוך צום קושען.

דאס איז געווען א שבועה. איך האב געשווארען צו זאגען דיא וואהרהייט.

„וויא הייסט איהר?" האט דער ריכטער געפרעגט.

„ליזא."

„אייער צווייטער נאמען?“

„עס איז קיין אונטערשיעד וואס דאס איז פאר א נאמען,“ האב איך געענטפערט.

„זאגט סאי־וואס פאר א נאמען,“ האט מיר דער געהיים־פאָליציסט איינגערוימט.

„זאָל זיין מארקאָוויטש,“ האב איך דאן געענטפערט.

„אלזאָ ליזא מארקאָוויטש,“ האט דער ריכטער ווידערהאָלט.

„וואו וואָהנט איהר?“ האט ער ווידער געפרעגט.

„אין נומער...... 10 ניינציגסטע שטראסע.“

„זייט איהר פערהייראטהעט?“

„יא.“

„וואו איז אייער מאן?“

„איך ווייס ניט.“

„האט איהר קינדער?“

„ניין.“

„פריינדע?“

„ניין.“

„ווארום זייט איהר אריינגעשפרונגען אין וואסער?“

„ווייל איך האב מעהר ניט געוואָלט לעבען.“

„דאס טאר מען ניט,“ האט דער ריכטער געזאגט אין א מיטליידיגען טאָן. איך האָב געשוויעגען.

„האט איהר ניט עפעס איין אנדערע אורזאכע אנצוגעבען פיר אייער טהאט?“ האט דער ריכטער וויטער געפרעגט.

„ניין.“

דערבייא האט דער ריכטער אויפגעהויבען א פאפיר פון זיין טיש, וואו ער האט עפעס געלעזען. ווען ער איז פערטיג געוואָרען האט ער געזאגט:

„ליזא מארקאָוויטש, איך לעז דאָ אין דעם בעריכט, פון דעם האָספיטאל־ארצט, אז איהר זייט א קראנקע?“

ער האט דאס געזאגט אין דער פאָרמע פון א פראגע, און ערווארטעט פון מיר עפעס איין ענטפער, אבער איך האב ניט געוואוסט וואס איך זאל איהם ענטפערן.

„איהר זייט שווינדזיכטיג,“ האט ער ווייטער געזאגט.

„עס איז מעגליך,“ איז געווען מיין גלייכגילטיגער ענטפער.

„איהר האט געהאט א בלוט־שטורץ אין האספיטאל?“

„יא.“

„וועלען בענעהען זעלבסטמארד, איז א פערברעכען; נעגען דעם געזעטץ האט איהר פערבראכען,“ האט ער ווייטער געזאגט. „נאר נעהמענדיג אין אנבעטראכט אייער קריינקליכען צושטאנד, וועל איך אייך פעראורטהיילען צו בעצאהלען פופצעהן דאלאר שטראפע אדער אבזיצען פופצעהן טעג. האפענטליך וועט איהר שוין אזא נארישקייט צום צווייטען מאל נים בעגעהען.“

איך האב איהם אנגעקוקט און געשוויגען.

דער געהיים־פאליציסט האט מיך אוועקגערופען אויף א זייט, און מיך געפרעגט, אויב איך האב צו בעצאהלען דאס געלד.

„ניין,“ האב איך געענטפערט.

„דאן וועט איהר מוזען זיצען פופצעהן טעג ארעסט.“

איך האב גאר ניט געענטפערט.

אלס דער געהיים־פאליציסט האט מיך געוואלט אוועק פיהרען, איז ערשיענען איין פיין־געקליידעטע דאמע און ערקלערט, אז זיא וועט בעצאהלען דאס געלד.

זיא איז צוגעגאנגען צום ריכטער'ס טיש, אויסגעצאהלט פופצעהן דאלאר, און דער ריכטער האט מיך ערקלערט אלס פרייא.

ווען דיא דאמע האט אומגעווענדעט איהר געזיכט צו מיר, האב איך אין איהר ערקענט דיא דייטשע פרוי, וועלכע האט מיר געוואונשען „גוט מארגען“ אין יענעם טרויעריגען טאג, ווען איך בין אוועק מיר צו נעהמען דאס לעבען.

עס איז געווען דיא שכנה פון דער צווייטער טהיר אין דעם הויז וואו איך האב געזאלט ווערען איין אנשטענדיגע פרוי און וואו אזוי פיעל אונגליק האט מיט מיר פאסירט.

10טעס קאפיטעל.

ליזא קריעגט א פריינדין.

מיטלייד, א פריינדליכער בליק און א גוטעס ווארט, האט פאר אזא אונגליקליכע וויא איך, זעהר פיעל ווערטה.

דאמאלס, אין געריכטס־הויז, ווען איך האָב מיך געפֿירט עלענד וויא א שטיין און איך בין געווען בייז אויף דער גאנצער וועלט, איבערהויפּט אויף דעם פּאָליציסט וואס האָט מיך ניט געלאָזען שטארבען — יא, דאמאלס, איז ערשיענען דאס פריינדליכע געזיכט פון דער דייטשער פרוי פאר מיינע אויגען, און איך האב געלעזען אין איהר בליק א מוטערליכע צערטליכקייט און א שוועסטערליכע פריינדליכקייט.

איך האָב אויף׳ן פּלאַץ ניט בעגריפען וואס עס האָט פּאסירט; עס איז מיר אפילו ניט איינגעפאלען, אז זיא האט פאר מיר בעצאהלט דיא גאָלדשטראַפע און איך בין פרייא.

אָבוואָהל אלעס איז געווען מיר בייא גלייכגילטיג, האט זיך דאך פאר מיר, אונווילענדיג, פארגעשטעלט א בילד פון א געפענגניס, וואו מען ווערט צוגעשלאָסען, פערמאכט און אבגעזונדערט פון דער וועלט.

איך האָב געשווידערט.

ווארום? האָט מיר דען בעדארפט אזוי באנג טהון נאך דער וועלט? איך וויים ניט; מיר דאכט, אין וואס פאר א צרות מען זאָל זיין, וויל מען דאך, מיט דיא צרות, זיין פרייא, אפילו אין דער שלעכטער וועלט.

דער געהיים־פּאָליציסט האט אויסגעזעהען צו בעגרייפען, אז איך וויים ניט וואס עס האט געגוי פּאסירט, און אום צו האבען דיא מצוה מיר אנצוזאגען א בשורה, האט ער זיך צו מיר צוגעבויגען און מיר איינגערעמט:

„דיעזע פרוי האט פאר אייך בעצאהלט דיא שטראפע; איהר זייט פרייא!"

פרייא! דאס אליין האט מיך אויפגעמונטערט, אָהנע איך זאָל בעגרייפען דיא ריכטיגע בעדייטונג.

אין דער וואהרהייט געשפּראָכען, האט פרייהייט פאר מיר דאמאלס בעדארפט בעדייטען — איך בין פרייא פערשווארצט צו ווערען, און פרייא מיך ווידער אריין צו ווארפען אין וואסער.

אבער איך האָב דאריבער מעהר ניט געדענקט.

דאס פריינדליכע געזיכט פון דער דייטשער פרוי האט מיך ווידער בעגעגענט.

זיא האט אויסגעזעהען א פרויענצימער פון א יאהר דרייסיג, פעט, אבער ניט דיק, און זיא איז געווען זעהר שעהן.

„וואוהין געהט איהר יעצט מאדאם?“ האט זיא מיך געפרעגט צוקומענדיג.

„איך ווייס ניט,“ האב איך געענטפערט.

ביז דאמאלס איז מיר נאך גאר ניט איינגעפאלען דיא אידעע וואוהין איך קען געהען ווען דיא פאליציייא זאל מיך אבלאזען.

„קומט מיט מיר,“ האט זיא געזאגט, און מיר זיינען ארויס אויף דער גאס.

„איהר קענט מיך?“ האט זיא געפרעגט.

„יא,“ האב איך געענטפערט, „איהר זייט דיא פרוי וועלכע וואנט אין דער צווייטער טהיר פון....“

מעהר האב איך ניט געקענט רעדען, ווייל איך האב ניט געוואוסט, וויא איך זאל דאס אנרופען.

„ריכטיג, ריכטיג,“ האט זיא געזאגט לעבהאפט.

איך האב געשוויעגען.

מיר זיינען צוגעגאנגען צו דער האכבאהן, זיך אויפגעזעצט און געפאהרען.

„איך האב ערסט נעכטען אבענד איבער אייך געלעזען אין דיא ציימונג,“ האט זיא געזאגט זיצענדיג נעבען מיר. „אייער נאמען האב איך ניט געוואוסט, אבער אייער אדרעסע איז מיר געווען אויפפאלענד. דאן, דיא עטליכע טעג וואס איהר האט זיך ניט געוויזען בייא דער וואהנונג, האבען מיך געמאכט צו רעכנען אז איהר זייט פיעללייכט דעזע וואס האט זיך אריין געצויגען נעבען מיר. דערפאר בין איך היינט פריה געקומען אין געריכט־הויז מיך צו איבערציינגען. און איך האב צום גליק, אייך דערקענט און אייך געראטעוועט פון געפענגניס.“

איך האב איהר ניט געקענט דאנקען, נאר דיא טרערען וואס זיינען געלאפען און שטראמען פון מיינע אויגען, האבען איהר געדאנקט מעהר וויא ווערטער.

„ליזא הייסט איהר, דאכט זיך?“ האט זיא געפרעגט.

איך האב געשאקעלט מיט'ן קאפ.

„בערוהיגט זיך ליזא, פערליערט ניט אייער מוטה, איך בין אייער פריינדין,“ האט זיא דאן געזאגט אויך גערוהרט פון מיינע טרערען.

איך האב זיא געוואלט קושען, נאר איך האב מיך געשעהמט, ווייל עס זיינען געזעסען פיעלע מענשען ארום אונז.

נאך אייניגע מינוטען שטיללשוויגען, איז דיא האכבאהן געבליעבען שטעהען בייא א סטאציאן, וואו מיר זיינען ארונטער געגאנגען.

איך האָב דערקענט דאס הויז וואו דיא מאַם פון מיינע צרות איז לעטצ־טענס פערפילט געוואָרען.

מיין הערץ האט אין מיר וועהמיטהיג געקלאפּט, וועהרענד מיר זיינען ארויף דיא טרעפּען. מיין בליק איז געפאלען אויף דער טהיר פון וואנען איך בין ארויס אזוי פערביטערט אין יענעם פינסטערען פריה־מאָרגען.

מיין פריינדין האָט אויפגעשלאָסען איהר טהיר וואוהין מיר זיינען ביידע אריין געקומען.

דיא און איז געוועזן גאַנץ זויבער, און ווען מיר זיינען אריין אין פראָנט־צימער, האָב איך בעמערקט שעהנעם מעבעל, און אַ גאַנץ פיינעם אויסגעפּיצטען זאלאָן.

„זיטצט,“ האט זיא צו מיר געזאגט זעהר פריינדליך מיר אנצייגענדיג אַ שטוהל.

אלס איך האב מיך געזעצט, האָט זיא ארונטער געוואָרפען איהר לייכטען פוטער־מאַנטעל און איז אריין אין קיך. דאָרט איז געשטאַנען איין אַ ידקאסטען; זיא האט געעפענט און ארויס גענומען אַ פלעשעל. איך האָב געזעהען וויא זיא האָט אויך ארויסגענומען אַ גלעזעל פון אַ שראנק. דאן איז זיא צו מיר צוגעקו־מען און אנפילענדיג דאס גלעזעל, האט זיא געזאגט:

„טרינקט, דאס איז גוטער שנאַפּס, עס וועט אייך אויפמונטערן.“

איך האָב גענומען דאס גלעזעל און אויסגעטרונקען. אויב דער שנאַפּס איז געוועזן גוט אָדער שלעכט, ווייס איך ניט, אבער שטאַרק איז ער געווים געוועזן, און איך האָב מיך פערהוסט, זאַ דאס איך האָב עטליכע סעקונדען ניט געקענט כאַפּען דעם אטהעם.

עס האט אויסגעזעהען, אז זיא האט זיך פאר מיר דערשראָקען, און, ווען איך בין צו מיר געקומען, האָט זיא געהאַלטען אַ גלאז וואסער און געזאגט:

„טרינקט.“

איך האב געטרונקען און זיך בערוהיגט.

„מיין נאָט!“ האט זיא אויסגעשריען, „וויא קען דאס אַ מענש ניט אויס־טרינקען אַ גלעזעל שנאַפּס? מען טרינקט ניט וויא איהר, ליזא; מען גיעסט אריין דעם שנאַפּס אין מויל און מען פערמאַכט דאן שנעל דיא ליפּען, ביז דיא שטאר־קייט געהט פאָראיבער. אזוי קען מען אויסטרינקען אפילו צעהן גלעזלעך און מען זאל זיך אפילו קיין איינציגעס מאל ניט פערהוסטען. אָט, זעהט.“

ביי דיעזע ווערטער האט זיא אנגעגאָסען דאסזעלבע גלעזעל מיט שנאפּס, און דאס איבערגעקעהרט אין איהר מויל. זיא האָט אויף א ווײַלע צוגעדריקט דיא ליפּען, א רויטע פארב איז איהר געקומען אין געזיכט, דיא אויגען האבען אויפגעגלאנצט, און דאַן האט זיא ווידער געעפענט דאס מויל.

„און טאַקי נאך איינס,“ האט זיא געזאגט ווידער אנגיעסענדיג דאס גלעזעל און געטהאָן דאסזעלבע וויא פריהער.

„אזוי טרינקט מען שנאפּס,“ האָט זיא געזאגט לאַכענדיג און אוועק געשטעלט דיא פלאַש מיט'ן גלעזעל אויף א טישעל.

„יעצט וועלען מיר עפּעס עסען,“ האט זיא ווייטער בעמערקט. „קומט.“

איך האָב איהר נאכגעפאָלגט אין קיך, וואו איך האָב מיך געזעצט אויף א ביינקעל נעבען טיש. איך האָב אפילו געוואָלט מאכען דיא צערעמאָניע און זאגען, אז איך בין ניט הונגעריג, אבער איהר פריינדליכקייט און היימליכקייט, האט פון מיר אוועק געטריבען דעם מוטה צו צערעמאָניע.

זיא האט אוועק געשטעלט אויף'ן טיש א שאַכטעל פיינע סאַרדיענען, ברויט, א לימענע, פּוטער און צוויא פלעשלעך מיט ביער וואס זיא האט ארויסגענומען פון דעם אייזקאסטען.

עסענדיג האָט זיא מיר דערצעהלט, אז עס האט איהר פּאַסירט איין אונגליק, וואס איהר ליעבלינג, נערא, א הינטעל, האט קראַפּירט, און דיא איינציגע טרייסט וואס זיא וועט האבען, איז, וואס זיא האָט אוועק געגעבען דאס הינטעל מען זאל עס אבשינדען און אויסשטאָפּען דיא פעל, דאמיט זיא זאָל עס אימער קענען זעהען פאר דיא אויגען.

וועהרענד זיא האָט דאס געשילדערט, האָט זיא אויסגעזעהען שטארק גערירהרט, און דיא טרערען זיינען געלאָפען פון איהרע אויגען.

איך האב מיך געוואונדערט ווארום זיא דערצעהלט מיר ניט וועגען איהר מאן, אבער איך האָב מיר געטראכט, אז עס פּאַסט ניט פאר מיר צו פרעגען.

„מיין נאמען איז מאדאם מיראנדא שמידט,“ האָט זיא פּלוצלינג געזאגט גלייך וויא זיא האָט פערגעסען זיך פריהער פאָרצושטעלען.

איך האָב זעהר ווענינ געגעסען, אָבוואָהל איך האָב מיך בעמיהט יא צו עסען, אום צו ערפיללען איהר וואונש, ווען זיא האט מיך עטליכע מאל געבעטען איך זאָל עסען. נאָר דאס פלעשעל ביער האב איך אין גאנצען אויסגעטרונקען, ווייל איך בין געווען זעהר דאָרשטיג.

זיא האָט דאַן ארויס גענומען נאָך צוויא פלעשלעך מיט ביער און מיר גע־הייסען טרינקען, נאָר אזוי וויא איך האָב געשפּירט, אז דער קאָפּ דרעהט זיך שוין מיט מיר, האָב איך מעהר נים געוואָלט טרינקען. זיא האָט אבער יא אויס־געטרונקען איהר ביער.

„נאָר נים פערצווייפלען,“ האָט זיא דאַן געזאגט זעהר מונטער. „יונגע און שעהנע פרויען דארפען נים זאָרגען; דאס לעבען איז צו שעהן, צו זיס, אום מיר זאָלען זיך פערביטערען אונזערע יאהרען.“

דער שנאַפּס און דאס ביער האָבען צוזאמען זיך אויסגעמישט אין מיין קאָפּ, און נים זייענדיג געוואוינט אזוי פיעל צו טרינקען, האָב איך געשפּירט א גרויסע מיעדקייט.

„יעטצט וועלען מיר געהען שלאָפען,“ האָט זיא געזאגט. „קומט אריין אהער.“

זיא האָט מיר אנגעוויעזען אויף איהר שלאָף־צימער, וואו עס איז געשטאנען איין בעט, נאָר א גרויסעס.

איך האָב אנפאנגס געצענערט, נאָר זיא האָט מיר געהאָלפען זיך אויסצי־העו; דאַן האָט זיא זיך אויך אויסגעצויגען און מיר האָבען זיך ביידע געלעגט אין בעט.

11טעם קאַפּיטעל.

אַ פּלאַן פיר דער צוקונפט.

ווען איך האָב ערוואכט, איז שוין געוועזן ארום 4 אוהר נאכמיטאג. מיראנדא האָט עפּעס געקאָכט אויף דעם גאַזאויווען.

איך בין שנעל ארונטער פון בעט, און מיך אנגעפאנגען אנצוקליידען.

„דאס איז גוט, ליזא,“ האָט מאדאם שמידט געזאגט, „יעטצט וועלען מיר טרינקען א גוטען און הייסען קאַפּע מיט מילך, און דאס וועט אונז מאבען פרעהליך.“

אין מיין מויל האָב איך געשפּירט א ביטערע־זויערקייט און א ברענונג ביים הארצען.

ווען איך בין שוין געוועזן אנגעקליידעט, האט זיא מיר געוויעזען א שיסעל מיט וואסער און זייף וואו איך זאָל מיך ארום וואשען.

דיא זייף האָט זעהר שעהן געשמעקט און איך האָב הנאה געהאט פון דעם אנגענעהמען גערוך.

איך האָב מקנא געווען מיין וואָהלטהעטערין, וואס איהר גע'הם אזוי גוט, און זיא האָט אלעס וואס זיא וויל.

אבער ווארום עס ערשיינט ניט נאך יעמאנד אין הויז, האָב איך ניט גע־קענט בעגרייפען. זיא האט מיר נאך קיין איינציגעס מאל ערמאָנט איהר מאַן, אדער אויב זיא האט קינדער.

אז זיא איז א פערהייראטעטע פרוי, האָב איך מיר געמערקט פון דער איינ־געריכטעטער ווירטהשאפט. דאן האָב איך זיא בעשולדיגט אין אונדאנקבארקייט צו איהר מאַן, ווייל, ווען איך וואָלט געהאט אזא מאַן, וואָלט איך איהם געריהמט פאר דער גאנצער וועלט.

„איהר מאַן מוז פערדיענען א סך געלד,“ האב איך מיר געטראכט, „ווען זיין פרוי קען אזוי שעהן לעבען.“

דאן האב איך גערעכענט, אז מען דארף גראדע ניט האבען זעהר פיעל געלד אום צו פיהרען אזא לעבען, ווייל נאך אלעמען, איז דיא וואָהנונג מעהר ניט בע־שטאנען וויא פון דרייא צימערן, און נאר זויבערקייט, זיין אביסעל א בעל־הבית'טע, איז ערפאָרדערט אום אלעס אזוי שעהן אויסצופוצען.

איך האָב מיך דערמאהנט, אז עהנליכע דרייא צימערן, האט ער, מיין מאַן, פאר מיר אויך גענומען, און ווען מיט מיר וואָלט אזא אונגליק ניט פאסירט, וואָלט איך אויך געקענט לעבען אזוי שעהן און רוהיג.

„אך!“ האב איך געזיפצט.

„און וויא האט איהר געשלאפען ליזא?“ האט זיא געפרעגט מיך זעהענדיג פערריכטען מיינע האאר אין פראָנט פון דעם קיך־שפיעגעל.

„זעהר גוט, מאדאם, איך דאנקע.“

„דאס פרייט מיך; גוט שלאפען, גוט עסען, גוט טרינקען, נעהען שעהן געקליידעט און האבען פערגניגען, איז דאס גאנצע לעבען!“

מאדאם שמידט האָט דיא לעטצטע ווערטער געזאגט אונגעפעהר מיט אזא טאָן, גלייך וויא איך זעה דאס אלעס, וואס זיא רעכענט אויס, פאר דיא אויגען, און איך בעדארף עס מיר נאָר נעהמען, ווען איך וויל.

אונטערדעסען האָט איהר מונטערע שטימע מיך אויך בעלעבט, און איך האָב אָנגעפאנגען צו דענקען, פיעללייכט איז דיא וועלט, נאך אלעמען, דאך ניט אזוי פינסטער.

„אבער וויא קען זיא ליכטיג ווערען פאר מיר?“ האב איך געטראכט. „יא

פאר מיר איז דיא וועלט א טרויעריגער יאמערטהאל; איך בין ארים, עלענד און איך מוז ליידען.״

„הערט, ליזא,״ האט זיא וויטער געזאגט. „דיא אויפזועהערין פון דיעזע הויז, האט מיר מיט א האלבע שטונדע פריהער דערצעהלט, אז אייער מאן איז דא געוועזען היינט פריה, ארויס גענומען זיינע זאכען, און געזאגט, אז אין פאל איהר וועט צוריק קומען, זאל זיא אייך זאגען, אז אלעס איבריגע בעלאנגט צו אייך.״

„ער איז דא געוועזען?״ האב איך פלוצלינג געפרעגט שפירענדיג א שוידער לויפען איבער מיין גאנצען לייב. דאן, ניט קענענדיג וויטער רעדען, האב איך מיך אוועק געזעצט און אנגעפאנגען צו וויינען.

מיראנדא האט דערוויל אנגעגאסען צוויא שאלען קאפפע און דאס אוועק געשטעלט אויף'ן טיש; איינע נעבען מיר און דיא אנדערע נעבען איהר וואו זיא האט זיך געזעטצט.

„טרינקט,״ האט זיא געזאגט, און דאן, בעמערקענדיג, אז איך וויין, האט זיא בעמערקט: „אה ליזא, גלויבט מיר, אז דיא מענער האבען ניט ווערטה מען זאל נאך זייא וויינען. איך ווייס ניט וואס עס האט מיט אייך פאסירט, אבער איך גלויב, אז עס איז געוועזען עפעס שרעקליכעס, ווען איהר האט זיך בעשלאסען צו בענעהען זעלבסטמארד. מענער, מיין קינד, זיינען נאר געשטעלט געווארען מען זאל בייא זייא ארויסציהען דיא נשמה, מעהר האבען זייא ניט ווערטה; און ווען מיר ציהען בייא זייא ניט ארויס דיא נשמה, דאן ציהען זייא ארויס אונזער נשמה. טרינקט, דער קאפפע ווערט קאלט.״

איך האב געטרונקען און אויפהויבענדיג מיינע אויגען צו איהר, האב איך זיא בעטראכט מיט איין ערשטוינטען בליק.

דער קאפפע האט מיך ווירקליך אביסעל אויפגעמונטערט און פערטריעבען דיא איבעלקייט פון מיין הארצען.

מאדאם שמידט האט דאן אנגעפאנגען לאנגזאם און פארזיכטיג מיך אויס־צופרעגען וואס עס האט מיט מיר פאסירט.

איך האב מיך געשפירט אזוי פערפליכטעט צו איהר, אז איך האב מיך ניט געקענט צוריק האלטען איהר צו דערצעהלען א היבשען טהייל פון מיין פער־גאנגענהייט, און איבערהויפט, וואס עס האט מיט מיר לעצטענס פאסירט, ווארום איך האב מיך ארייגעווארפען אין וואסער.

ווען איך בין פערטיג געווארען, האט זיא אויסגעשריען:

„צום טייפעל מיט אַלע מענער! וואויל איז צו דיעזער פרוי וואס פערשטעהט וויא אומצוגעהען מיט דיעזע בעסטיעס!"

איך האָב ווידער אויפגעהויבען מיינע אויגען צו איהר און זיא אנגעקוקט שטילשווייגענד.

„יא, יא ליזא," האָט זיא ווידערהאָלט, „צום טייפעל מיט אַלע מענער! א מאַן האָט פיעל וועניגער ווערטה וויא א הונד. דערפאַר, ווען מיין נעראַ איז גע־שטאָרבען, האָב איך געוויינט, און ווען מיינער א מאַן זאָל שטאַרבען, וועל איך אויסטרינקען אויף דעם חשבון, פינף פלעשלעך ביער!"

פון איהרע לעצטע ווערטער האָב איך מיר אנגעפאַנגען עפּעס צו דייטען ווער זיא איז און וואס פאַר א לעבען זיא פיהרט. אבער איך האָב זיא ניט פער־אכטעט דאפיר; זיא האָט טראָטץ איהר לעבען, געהאַנדעלט געגען מיר פיעל שעהנער וויא אירגענד איין אנדערער מענש.

„הערט מיך אויס, ליזא," האָט זיא דאַן אנגעפאַנגען נעהמענדיג מיין האַנד אין איהרער. „מיט 12 יאהר צוריק, בין איך אויך אַזוי געווען וויא איהר; יונג, שעהן, מונטער און גליקליך. איך בין נאָר וואס אריבער געקומען נאָך אמעריקאַ מיט מיינער א טאַנטע. א יונגער מאַן האָט זיך צו מיר אבגעפרעגט און איך האָב איהם אוועק געשענקט מיין הערץ און מיין ליעבע. ווען ער וואָלט פערלאַנגט מיין לעבען, וואָלט איך עס איהם געגעבען, אָהנע צו פרעגען דיא אורזאַכע ווארום ער וויל דאס. נאכדעם וויא איך האָב איהם געאָפּפערט מיין יונגפרוישאַפט און אונ־זער ליעבע האָט אָנגעפאַנגען צו טראגען פריכטע, האָט ער מיך אוועק געוואָרפען גראדע וויא ער פלעגט טהון אָפּט מיט בלומען וואס ער האָט געטראַגען איינגע־שטעקט אין זיין ראָק. כל־זמן דיא בלום איז געווען פארביג, שעהן און געשמעקט, האָט ער זיא געטראַגען, וויא זיא האָט נאָר פערלוירען איהר אייגענשאַפט, האָט ער זיא אוועק געשמיסען. יא, מיך האָט ער אַזוי בעהאַנדעלט וויא זיינע בלומען, אבער ער האָט נאָך עפּעס צוגעלעגט צו מיר, דאַמיט, נאכדעם וויא ער האָט מיך אוועק געוואָרפען, האָט ער מיך צוגעטרעטען מיט זיין פוס ......"

איהר שטימע האָט געקלונגען פול ערביטערונג און פון איהרע אויגען האָט געשאָסען וויא מיט פייער פאַר אויפרעגונג און דער עראינערונג.

„איין ארמעס מעדכען, גלייך וויא איהר, בין איך געווען," האָט זיא פאָרט־געזעצט, „און מיין פערמעגען איז בעשטאַנען אין מיין יונגפרוישאַפט. אלזאָ, דיע־זעס פערמעגען האָב איך שוין ניט געהאַט, און דערצו האָב איך נאָך געשפּירט

דיא פרובט פון זיין פאַלשער ליעבע אונטער דער ברוסט. מיין גאָט! וויא איך האָב מיר דאַמאַלס אויסגעריסען מיינע האאר! איך האָב אלעס דערצעהלט מיין טאנטע, און זיא איז איהם נעגאנגען פרעגען וואס ער בעאַבזיכטיגט צו טהון. ער האט איהר געענטפערט, אז זיין אבזיכט איז צו הייראטהען אייז אַנשטענדיגעס מערכען, ניט מיך, וועלכע האָט שוין צו טהון געהאטמיט אלע שיכורים.״

זיא האָט געקריצט מיט דיא צייהן בייא דיעזע ווערטער.

„און מיין אַרמע גוטע טאַנטע,״ האָט זיא דאַן געזאגט מיט אַ וויבערע שטימע, „וועלכע האָט מיר אַלעס געגלויבט, איז קראנק געוואָרען פאר שמערץ און איז געשטאָרבען. וואס איך בין אויסגעשטאַנען ביז איך האָב געבוירען מיין קינד, אין קיין מענש אימשטאַנדע צו שילדערן. שטעלט זיך פאָר, איך האָב געמוזט דיענען בייא איין אַנשטענדיגער פאַמיליע און געבוירען מיין קינד אין אַ קעללער.״

„אין אַ קעללער!״ האָב איך אויסגעשריען.

„יא, אין אַ קעללער, אבער דאס איז נאך ניט אלעס. אום צו פערדעקען מיין שאנדע, האָב איך נאך דאן געמוזט שטיל מאכען דאס אונשולדיגע בע־שעפעניש ......״

„שטילמאכען? וויא אזוי? וואס מיינט איהר?״

„איך האָב דאס דערוואָרגען!״

אַ שוידער איז געלאָפען איבער מיין לייב.

„איך האָב קיין אנדערע ברירה ניט געהאט,״ האט זיא וויטער געזאגט ערביטערט. „איך האָב געוואוסט, אז דאס איז דאס איינציגע מיטעל וויטער צו פערבלייבען דאָרט אין הויז, זאָנסט איז מיר אויסגעקומען צו בלייבען אויף דער גאַס, און דערצו, מיט אַ קינד אויף דיא הענד. נאך אין דערזעלבער נאכט, האָב איך דאס אונגליקליכע קינד אריין געוואָרפען אין קאנאל .....״

זיא האָט זיך געווישט דיא אויגען פון דיא טרערען וואס זיינען געלאָפען.

„אַ קינד, מיין קינד!״ האָט זיא געמורמעלט וועהמיטהיג, „האָב איך געמוזט ערמאָרדען, זאנסט איז מיר אויסגעקומען זיך אריי צו ווארפען אין וואַסער וויא איהר האט געטהאָן, און איך האב נאך זעהר געוואָלט לעבען.״

איינינע מינוטען האָט געהערשט אַ טרויעריגע שטילקייט אין הויז, און מיר האָבעןביידע ניט געשפּראָכען.

„אויף׳ן אנדערען טאָג,״ האָט זיא ענדליך פאָרטגעזעטצט, „האָב איך מיך שוין ניט געקענט אויפהויבען פון מיין בעט. דיא בעל־הבית׳טע האָט געפרעגט וואס

מיר פעהלט, און איך האָב איהר געענטפערט, אז איך פיהל שלעכט. איך בין אבגעלעגען דרייא טעג און קיין דאָקטאָר ניט געלאָזען צוקומען צו מיר, זאָנסט, פערשטעהסט איהר, ווען מען וואָלט ערפאהרען וואס עס האָט מיט מיר פּאסירט, וואָלט מען דאך מיך בעשטראפט. נייִן, מען וואָלט ניט בעשטראפט דעם שופט וואס האט מיך געטריבען צו דעם אונגליק, זאָנדערן מיך, זיין ווערקצייג. אלס איך האָב מיך געשפּירט אביסעל קרעפטיגער, בין איך אַרונטער געגאנגען פון דעם בעט, און מיין ערשטע אידעע איז געווען זיך נוקם צו זיין אן דער גאנצער וועלט. מיט דרייא וואָכען שפּעטער, ווען מיינע באקען האָבען ווידער אמאל אנגעפאנגען צו בליהען, האָט מיין בעל־הבית בעקומען א שטארקען חשק צו מיר. איך האָב איהם געהאסט וויא דיא פּעסט. אבער איך האב מיך געוואָלט נוקם זיין אן איהם.

„איך האָב בייא איהם צוגענומען אין זעקס מאָנאט צייט, א פערמעגען פון 5000 דאָלאר. ער האָט מיר געדונגען א הויז און ניט נאר וואס ער האט ערפיללט יעדען וואונש, וואס איך האָב אויסגעשפּראָכען, זאנדערן ער האָט שטארק פער־נאכלעסיגט זיין פרוי, און דאס האט מיך מעהר געפרייט וויא אלעס. איך האָב געוואָלט, אז אלע פרויען זאלען ליידען, וויא איך האָב געליטען.“

זיא האָט זיך בייא דיעזע ווערטער אויפגעהויבען און אנגעגאָסען נאך צווייא שאָלען קאפּפע.

„דאס זיינען דיא מענער, און אזוי מוז מען אומגעהען מיט זייא,“ האט זיא ווייטער געזאָגט. „אז מען איז יונג און שעהן, און מען קען ערפיללען זייער לוסט, זאָל מען זייא ארויס ציהען דעם מארך פון זייערע ביינער; זייא רואינירען; און איך האָב עס שוין מיט פיעלע געטהאָן!“

דיא לעצטע ווערטער האָט זיא אויסגערופען טריומפירענד.

מיינע געדאנקען האָבען זיך צומישט בייא איהר שילדערונג. איך האָב מיט־לייד געהאט מיט איהר, און טראָטץ דעם וואס איך האָב פעראכטעט איהר אויפ־פיהרונג, האָב איך מיר אבער ניט געקענט העלפען צו דענקען, אז זיא האָט רעכט מיט איהרע בעהויפטונגען.

„יא, פריינדין ליזא,“ האט מיראנדא געזאגט צום שלוס מיך אנקוקענדיג מיט א שארפען בליק, „איהר זאָלט אויך טהון דאסזעלבע, און איהר וועט זיין אויף אזוי וויית גליקליך, וויא נאר איין ארמע פרוי קען גליקליך זיין. ווענינגסטענס וועט איהר האבען דיא גאנצע וועלט אין דער ערד און איהר וועט דערוויל גע־ניעסען פערגניגען.“

איך האב אויפגעציטערט.

„דיא אויפזעהערין פון הויז האט מיר דערצעהלט,“ האט זיא געזאגט נאך א פויזע, „אז איהר האט אביסעל מעבעל אין הויז. פערקויפט עס און קומט וואהנען מיט מיר. פערליערען קענט איהר שוין גאר ניט. אויב איהר וועט יא זיין אנשטענדיג אדער ניט, וועט מען אויף אייך יעדענפאלס זאגען וואס מען וויל. יא, אז מען איז ארעם איז מען אלעס שלעכטע, נאר ווען מען איז רייך איז מען גוט און פרום וואס דיא רייכע טהוען אב אין א פראסטען מיטוואך, קענען מיר ניט אבזינדיגען אין א יאהר און דאך זיינען זייא דיא פיינע און עהרליכע. צום טייפע מיט דער פערפלוכטער וועלט! מען מוז לעבען וויא מען קען, ניט וויא מען וויל.“

12טעס קאפיטעל.

דער ערשטער פאלל.

איהרע ווערטער האבען איבער מיר געמאכט א טיעפען איינדרוק. איך האב איהר אבער גאר ניט געקענט ענטפערן.

„אך, דיא מענער!“ האט זיא געברומט מיט וואוטה. „מיינט איהר אז זייא ליעבען א פרויענצימער אלס פריינדין, קאמעראדין, אדער מענש? אה ניין, דאס טהון זייא ניט. זייא ליעבען דאס פרויענצימער; דעם שעהנעם געזונדען און אנציהענדען קערפער וואס קען זייא פערשאפען פערגניגען. ווען דער רייץ קומט זייא אן, זיינען זייא ווילדע בעסטיעס, אומגעלומפערטע טהיערע און זייא זיינען אימשטאנדע אירגענד וועלכע שמוטציגע טהאט צו בענעהען אום זייער לוסט צו ערפיללען. אט דאמאלס איז דיא צייט זיך מיט זייא אבצורעכענען; זייא צו ערניעדריגען — הא, הא, הא, ערניעדריגען! א מאן ערניעדריגען? זייא זיינען דיא ניעדריגקייט זעלבסט, בעסטיעס אין מענשען געשטאלט, דאס זיינען זייא! איהר קענט האבען דעם קליגסטען, שענסטען, בעסטען, פעהיגסטען מאן צו אייערע פיס, אויף איהם טרעטען, איהם שפייען אין געזיכט, טהון מיט איהם וואס איהר ווילט כל־זמן ער וויל נאר זיין ליעבע גענייסען. יא, זיין ליעבע, ניט אייער ליעבע, ווייל עס קימערט איהם זעהר וועניג אום אייער ליעבע. ער ליעבט דיא פרוי, אין איהר נאקעטקייט, און איהר בעסטיאליטעט, אבער ניט אין איהר ריינקייט, זויבערקייט און פרומקייט. מיר פרויען, וועלכע זיינען צו שוואך צו קעמפפען מיט אונזער שיקזאל, צו זיין אונאבהענגיג, צו טהון וואס מיר ווילען — בעזיטצען דיא וואפען פון אונזער פרויענשאפט. מיר דארפען נאר פערשטעהען וויא זיך אויסצופוצ

וויא זיך צו מאכען רייצענד, און דיא בעסטע מאן, ליעגט דאן צו אונזערע פיס!"

אזעלכע דיבורים האָב איך נאך קיינמאל ניט געהערט. און פון וויפיעל איך האָב געקענט דיא מענער האָט עס מיר אויסגעזעהען, אז מיראנדא שילדערט מיר א גרויסע וואהרהייט.

„יא," האט זיא ווידער אנגעפאנגען, „איך בין מודה, אז עס איז זעהר גוט צו זיין א געליעבטע פרוי, א ליעבענדע מוטער און א צערטליכע פריינדין. אבער, ליזא, דאס איז ניט פאר אונז ארמע און אונגליקליכע. אזעלכע וויא מיר זיינען, וועט מיר הייראטהען שוין אפילו מיט א זאָ־גענאנטען אנשטענדיגען מאן, דאן ליעגען מיר אין דער ערד נעבען איהם, ווייל זיינע פעדיענסטען זיינען ניט גענוג גרויס אונז צו פערזאָרגען."

„אך, מיין גאָט!" האָב איך אויסגעשריען, „איך וואָלט מיך ניעמאלס בעקלאגט, ניעמאלס געפאָדערט און קיינמאל ניט געבעטען מעהר, וויא מיין מאן וואָלט מיר געקענט געבען......"

„איהר האָט רעכט, ליזא, איהר האָט רעכט," האט זיא געענטפערט, „אזוי האָט איהר גערעכענט; אבער דענקט איהר, אז פאר אייער אויפאָפּפערונג וואָלט איהר ניט געוואָלט עפּעס האָבען אין אויסטויש? איהר וואָלט וועלען געניעסען דיא ליעבע און טרייהייט, פון אייער מאן......"

„יא, יא," האָב איך אונטערגעכאפּט.

„דיא ליעבע און טרייהייט!" האָט זיא ווידערהאָלט, „הא, הא, הא! אזא ליעבע און טרייהייט וויא אייער פאנטאזיע האט געזעהען, איז זעהר זעלטען דא צו געפינען. מענער, וויא איך האָב שוין פריהער געזאגט, זיינען בעסטיעס; זאָ שנעל וויא זייא זעטען זייער קערפערליכען רייץ, פערשווינדעט דיא זאָגענאנטע ליעבע. דאן, ווען מען איז ארעם און אונגליקליך פערגעסט מען אפילו וואו מען איז אין דער וועלט. עס ענטשטעהען שטרייטיגקייטען, אונצופריעדענהייט, ערגער, קומער, זאָרג און נאך אנדערע צרות, און דאס לעבען ווערט א לאסט. איך מוז דא מודה זיין, אז אונטער דיא ארמע געפינט מען נאך אימער, צייטענווייז, א גליקליכעס פּאאר."

„וואס מיינט איהר?" האב איך געפרעגט ערשטוינט.

„יא, אונטער דיא ארמע. דער לומפּיגער מאן האָט ניט גענוג מיטלען צו געהען זוכען און זעטען זיין רייץ אונטער אנדערע ברויענצימער, און ער איז געצוואונגען

זיך צוגעוואוינע; מיט זיין פרוי. נאך איינינע יאהרען לעבען צוזאמען, פאנגען אן זייערע כאראקטערע איינצושטימען, און, גלייך וויא דיא העהנער וועלכע האבען זיך צום אנפאנג ארום געריסען, ווערען זייא נאכהער גוטע בריעדער. אבער דיא ערגסטע לומפען זיינען דיא רייכע. ער זוכט פערגניגען און צו יעדער צייט ווען איהר ווערט גוט נאכפרעגען וואס א מאן'ס פערגניגען קען זיין, ווערט איהר אויסגעפינען, אז זיין פערגניגען בעשטעהט אין דעם וועקסעל פון פרויען־צימער. איך האב שוין קענען געלערענט אזעלכע שופטען, וועלכע האבען מיך איבעררראשט. איינער האט געהאט א בליהענדע, שעהנע און רייצענדע פרוי, און טראָטץ דעם האט ער גע־האט 18 אנדערע, דארונטער העסליכקייטען, אבשייליכקייטען און שמוטץ. אט דאס זיינען דיא מענער!"

„און ווער איז שולדיג אין דעם?" האב איך געפרעגט.

„דאס ווייס איך ניט," האט זיא געענטפערט. „איך רעכען, אז גאָט איז שולדיג אין דעם, וואס ער האט געמאכט דיא פרויענצימער שוואכער און אבהענ־גיג פון דיא מענער."

„גאָט?" האב איך ווייטער געפרעגט ערשטוינט. „וויא קען דאס גאָט טהון אזא אונרעכט?"

„וואס איז דער אונטערשיעד ווער? אזוי איז עס; דיא פרוי איז דעם מאן'ס א ווערקצייג, א שמוציגעס ווערקצייג, און איז נעצוואונגען צו זיין א שקלאפין."

„ניין, ניין," האב איך פראָטעסטירט, „עס זיינען דא גליקליכע פרויענצימער, וואס לעבען אין פריעדען מיט זייערע מענער!"

„יא, איך ווייס, אז עס זיינען דא, נאר זייא זיינען אזוי ווייניג, אז עס פער־געהט דער אפעטיט צו געהען זוכען אזא מאן. אלעס וואס איך ווייס, איז, דאס מענער, מייסטענטהיילס, ווילען, אז פרויען זאָלען דיענען אלס זייערע ווערקצייגען. זייא ווילען זייא האבען פאר זייערע שקלאפינען און אומגעהען מיט זייא וויא מיט ליאלקעס (פופען), און ווען דיא פרוי פערליערט איהר חן אין זיינע אויגען, דאן וויל ער זייא מעהר ניט קענען."

איך האב געזיפצט.

„פון מיין זייט," האט זיא געזאגט, „האב איך בעשלאָסען ניט צו זיין קיי־נעם'ס שקלאפין; איך בין מיין אייגענע הערין. אָט, זעהט א ביישפיעל: ווער האט אייך אונגליקליך געמאכט ווען ניט דיא בעסטיאליטעט פון א לומפיגען מאן? און דער צווייטער, דער זאָגענאנטער געבילדעטער, אנשטענדיגער און ערפאהרענער

מאַן, וואס האָט ער געוואָלט? מיט אלע זיינע פרייע געדאַנקען, האָט ער געוואָלט איהר זאָלט זיין, זיין פאָלקאָמענעס אייגענטהום. ווען ער האָט ענטדעקט, דאס איהר האָט פערלוירען אייער יונגפרוישאפט, האט ער שוין חרטה געהאט אויף'ן מסחר. האט ער אייך געמיינט? האט ער אייך געליעבט? האט ער געזוכט אייער גייסט? אָה ניין! ער האָט געוואָלט אייער קערפער אום צו ערפיללען זיין לוסט, ווען ניט, האָט איהר פאר איהם ניט מעהר געטויגט. אָט דאס זיינען זייא אלע!"

„עס איז א טרויעריגע וועלט," האָב איך געמורמעלט.

„זיא איז טרויעריג, אבער מען דארף זעהען זיא צו מאכען פרעהליך, כל־זמן מען קען."

„און ווען מען קען ניט?"

„אָה יא, מען קען; כל־זמן מען איז יונג, שעהן און אנציהענד, וויא איהר, קען מען געניעסען דיא וועלט. וואס איז מיר דער אונטערשיעד אויב איינער רופט זיך מיין מאן און איז מיין הערר, אָדער איך האָב א סך מענער און בין קיינעמ'ס שקלאַפין?"

איך האָב זיא גוט פערשטאנען.

„אבער וואס טהוט מען," האָב איך געמורמעלט צענערענד, „ווען מען פערליערט דיא יוגענד, דיא שעהנהייט און דעם רייץ? וואס טהוט מען, ווען מען קען שוין מעהר ניט שפיעלען אזא ראָלע?"

„אָה, דאמאלס," האָט זיא געענטפערט, „דאמאלס געהט מען אריין אין איין אנשטאלט און מען שטארבט."

„דאס איז שוידערהאפט!" האב איך אויסגעשריען.

„שוידערהאפט?" האָט זיא געפרעגט, „ווארום איז דאס שוידערהאפט? וואס טהוט דען דיא פרוי פון דעם ארמען מאן ווען זיא ווערט קראנק און שוואך? האָט זיא דען א בעסערען סוף?"

איך האָב איהר ניט געקענט ענטפערן.

„אבער גענוג דאריבער," האָט זיא געזאגט זיך אויפהויבענדיג, „לאָמיר ניט קלערען וואס שפעטער וועט זיין; היינט איז דער טאָג וואס מען לעבט, מאָרגען קען זיין דעם טייפעלים. מיר וועלען טרינקען אביסעל שנאפס."

איך האָב געוואָלט פראָטעסטירען, אז איך טרינק ניט, נאר איך האָט ניט געקענט. זיא האָט ארויס גענומען דיא פלאש מיט שנאפס, צו געבראכט צוויא גלעזלעך, און אנגיסענדיג, האָט זיא מיך דערמאהנט:

„אלזא, זיך ניט פערהוסטען; צומאכען דיא ליפען און ארונטער שלינגען.״
זיא האט אויפגעהויבען איהר גלעזעל און איך מיינעס.

„צום וואהל זיין!״ האט זיא אויסגעשריען מונטער און איבערגעקעהרט דאס גלעזעל אין איהר מויל. איך האב דאס זעלבע געטהון, און פאלגענדיג איהר ראטה, האב איך מיך מעהר ניט פערהוסט.

זיא האט אנגעגאסען נאך צווייא גלעזלעך.

„אה, גענוג, גענוג,״ האב איך געזאגט.

„דומהייטען, דאס וועט אייך אויפמונטערן, טרינקט!״

איך בין געוועזן אונטער איהר איינפלוס און געטרונקען.

דאן האב איך געשפירט א ווארעמקייט איבער מיין גאנצען קערפער, און אבוואהל דער קאפ האט זיך מיט מיר געטומעלט, האב איך דאך געפיהלט א מונטערקייט אויפשטייגען אין מיר.

וועהרענד דעם האט זיך געהערט א קלאפ אין טהיר. מיראנדא איז צוגע־גאנגען עפענען און צווייא אנשטענדיג געקליידעטע מענער זיינען אריין געקומען.

ביידע האבען געדריקט מיראנדא׳ס האנד. דאן האט זיא מיך פאר זייא פארגעשטעלט, אלס איהר „בעסטע פריינדין.״

זיא האט אנגערופען דיא נעמען פון דיא צווייא מענער, אבער איך האב ניט גענוי בעגריפען וואס זיא האט געזאגט.

ביידע מענער האבען זעהר העפליך ערקלערט, אז זייא „פרייט מיין בע־קאנטשאפט״ און זייא האבען זיך געזעצט בייא דעמזעלבען טיש.

איינער האט ארום געכאפט מיראנדא׳ן און איהר געגעבען א קוש. דערפאר האט זיא איהם געגעבען א פאטש, און צייגענדיג עפעס צו מיר מיט א וואונק פון דיא אויגען, איז ער געבליעבען רוהיג. דאס איז שוין אויך געוועזן א ווארנונג פאר דעם צווייטען, וועלכער האט זיך צוגערוקט נעהנטער צו מיר.

„וואס טרינקט איהר דא?״ האט געפרעגט דער וואס האט געכאפט דעם פאטש.

„וויסקי״ האט מיראנדא געענטפערט. „טרינקט ווען איהר ווילט.״

„ניין,״ האט ער געענטפערט, „איך האב נאר וואס געגעסען נאכטמאהל, און איך וואלט וועלען טרינקען אביסעל שאמפאניער.״

„דאס איז גוט״ האט מיראנדא געזאגט, „אבער מיר האבען נאך ניט געגעסען.״

„דאן זאָלט איהר אויך עסען,“ האט דער צווייטער געזאגט. „און מיר וועלען אלע טרינקען שאמפּאניער!“

דער וואס האָט דיעזע ווערטער געזאגט, האט זיך אויפגעהויבען און ערקלערט, אז ער געהט בעזאָרגען עפּעס עסען.

ווען ער איז ארויס, האָט דער צוריק געבליעבענער אנגעפאנגען א געשפּרעך איבער פּאָליטיק, פון וועלכען איך האָב זעהר וועניג פערשטאנען, אבער איך האָב מיר געמערקט, אז ער איז זעהר א קלוגער מאן.

מיראנדא האָט מיט איהם געשפּראָכען זעהר אונהעפליך און איהם עטליבע מאל גערופען: „שווינדלער, בעטריעגער.“

„בייא נאָט!“ האָט ער אויסגעשריען. „איהר וואָלט קענען זיין אונזער בעס־טער פאָרזיטצענדער אין פּאָליטישען קלוב!“

דאס געשפּרעך האָט געדויערט א 20 מינוטען, ביז דער אנדערער הערר איז צוריק געקומען און מיט איהם צווייא קעלנערס, וועלבע האבען געבראכט צוויי פּאָרציאָנען עסען און זעקס פלעשער שאמפּאניער.

מיראנדא האָט געשטעלט איין פּאָרציאָן פאר מיר און דיא אנדערע פאר זיך. דאן האָט זיא געגעבען גלעזער צום טיש, און מיר האבען אנגעהויבען צו עסען וועהרענד דיא מענער האבען געטרונקען דעם שאמפּאניער.

דאס עסען האָט זעהר גוט געשמעקט, נאר זיך עראינערענדיג אן מיין ערשטען גוטען מיטאג וואס איך האָב געגעסען, וועלכען איך האָב נאכהער געמוזט אויסברעכען, האָב איך געגעסען וועניגער וויא מיין אפּעטיט האָט פערלאנגט. דאן האָט איין הערר אנגעגאָסען א גלאז שאמפּאניער און איך האָב געטרונקען. עס האָט זעהר גוט געשמעקט.

דאס געשפּרעך, וועלבעס איך געדענק ניט, איז געוואָרען זעהר לעבהאפט, און איך האָב אין מיר מודה געווען, אז מיראנדא האָט רעכט, ווען זיא זאגט, אז היינט לעבט מען זאָל מען לעבען, און מאָרגען מעג זיין דעם טייפעל'ס.

אלעס וואס איך קען מיך עראינערען איז, דאס איך האָב געטרונקען איין גלאז שאמפּאניער נאך דער צווייטער ביז איך האָב מעהר ניט געוואוסט וואס עס טהוט זיך מיט מיר.

וויא דורך א חלום דערמאהן איך מיך, אז איין הערר האָט מיך צוגעפיהרט און מיך געלעגט אין מיראנדא'ס בעט. דאן האָב איך געשפּירט וויא ער האָט

מיך געהאלזט, געקושט, און איך האב געוואָלט קעמפּפען דאַגעגען נאר איך האָב ניט געקענט.

ווען איך האָב ערוואכט גאנץ פריה, איז קיינער ניט געוועזען אין הויז. איך בין אַרונטער פון בעט צו זוכען מיראַנדאַ'ן און זיא איז אויך ניט געוועזען.

איך האָב מיך אנגעפאנגען זיך אנצוציהען, און ווען איך בין פערטיג געוואָרען, האָב איך געהערט יעמאַנדען פון דרויסען בייא דער טהיר אויפשליסען.

מיראַנדאַ איז ערשיענען.

„איך האָב געשלאָפען אין אייער צימער," האט זיא צו מיר געזאגט לאַכענדיג.

איך בין געוועזען בייז אויף איהר, נאר איך האָב ניט געהאט דעם מוטה איהר עפּעס צו זאגען.

„זייט ניט קיין קינד ליזאַ," האָט זיא אנגעפאנגען. „וואס איהר האט געהאט צו פערליערען, האָט איהר שוין איין מאל פערלוירען. יעטצט איז דיא צייט צו לעבען און געניעסען. מיין ראטה איז, איהר זאָלט בלייבען וואָהנען אין דערזעלבער וואָהנונג געבען מיר. איך וועל זעהען איהר זאָלט אריין קריעגען שעהנעס מעבעל, און מיר וועלען לעבען וויא צווייא גוטע פריינדינען."

איך האָב איהר נאך אימער ניט געקענט ענטפערן.

„יעטצט וועלען מיר טרינקען קאפּעע," האָט זיא געזאגט און איז צוגעגאַנגען צום אויווען. „איך האָב פאר אייך עפּעס געלד," האָט זיא פאָרטגעזעטצט ניט קוקענדיג צו מיר. „אַ צוואַנציגער — צוואַנציג דאָלאר. ער איז נאך אַלעמען, איין עהרענמאַן."

אנפאנגס האָב איך געוואָלט זידלען, שעלטען און בעליידיגען, אבער אַ מערקווירדיגעס געפיהל פון בערוהיגונג איז איבער מיר געקומען און אַלעס איז בייא מיר געוואָרען גלייכגילטיג.

13טעס קאַפּיטעל.

אַ פערקעהר מיט דער פּאָליציייא.

ווען מען וואָלט מיר אמאל געזאגט, אז איך וועל קענען זיין אזוי אונפערשעהמט, אזוי ניעדריג און אזוי געמיין, וואָלט איך עס ניט געגלויבט.

איך בין געוועזען אַ שעהמעדיגע פון דער נאַטור און איך האָב פעראכטעט אויסגעלאַסענהייט אָהנע יעמאַנד זאָל עס מיך געוועזען לערנען. און דאך וויא איך

האָב געמאכט דעם שריט אריבער; וויא איך האָב אריבער געשפּאַנט דיא גרענעץ פון אַנשטאַנד און עהרליכקייט, האָב איך מיך פלוצלינג געזעהען שווימען אין אַ ים בלאָטע, שמוטץ און אבשייליכקייט און ניט נאר וואס עס האָט מיך ניט גע־קימערט, זאָנדערן איך האָב מיך געפיהלט געוויסערמאסען גליקליך.

מיראנדא איז געווען אַ גוטע לעהרערין; זיא האָט מיך אונטערריכטעט וויא אזוי אומצוגעהען מיט מענער, וויא זייא צו ערניעדריגען און וויא בּייא זייא ארויס־צו רייסען געלד.

געלד! יא, געלד איז יעטצט געווען מיין איינציגער ציעל און שטרעבען.

איך האָב בעדארפט האבען געלד אויף פערשיעדענעס: אויף מעבעל, שעה־נע קליידער, פּארפום, טהעאטער, לוקסוס און — טרינקען.

דאס לעטצטע, דאס הייסט טרינקען, האָב איך אויסשטודירט זעהר גוט או אין אַ קורצע צייט. אנפאנגס האָב איך געטרונקען אום צו פערטומלען דעם קאָפּ דאמיט איך זאָל מיך ניט עראינערען אן מיין פערגאנגענהייט, און דאן האב איך שוין געטרונקען, ווייל איך האָב געשפּירט אַ לוסט דערצו.

גאנצע נעכט פלעג איך צו ברענגען מיט מיראנדא'ן און פערשיעדענע מענער אין זויפען און לומפּערייא.

מאנכע מאל פלעג איך אויפשטעהען אויף'ן צווייטען טאָג, און איך האָב גע־שפּירט מיין קאָפּ אזוי שווער וויא בּלייא; אַ ברענונג ביים הערצען און אין אי־בּעלקייט אין מויל. מיראנדא האט שוין געהאט אַ גאנצע אַפּאָטהעקע צו דיעזע צוועק, און זיא פלעגט מיך קורירען.

דאן האָבען מיר זיך ביידע אנגעקליידעט אין דיא שעהנסטע קליידער און ארויס געגאנגען עסען און שפּאצירען.

יא, דיא שעהנע קליידער, דער לוין פון מיין שאנדע, האָבען מיר פערשאפט פערגניגען, און איך האָב אנגעפאנגען לאנגזאם צו בעגרייפען מיראנדא'ס ווערטער, אז מען דארף לעבען כל־זמן מען לעבט. מאָרגען מעג זיין דעם טייפעל'ס.

אונגעאַכטעט דארויף וואס איך האָב מעהרערע מאל געשפּירט אַ שטעכע־ניש אין מיין ברוסט און איך האָב געהוסט, האבען מיינע באַקען אנגעפאנגען צו בליהען, מיין קערפּער האָט אנגעפאנגען צו ווערען דיקער און איך בין אין אלגע־מיין געוואָרען אַ שעהנעס פרויענצימער.

געלד האָב איך געהאט, דאס הייסט, אפילו ניט פיעל, אבער דאך מעהר וויא איך האָב מיר אמאל געקענט פאָרשטעלען. איך בין געגאנגען צו גוטע ערצטע

מיך קורירען אויף מיין ברוסט, און זייא האָבען מיר מייסטענטהיילס געזאגט, דאס ווען איך זאָל פיהרען א רעגעלמעסיגעס לעבען און ניט טרינקען, וועל איך קענען פערלענגערן מיינע יאהרען.

אבערביידע זאכען האב איך ניט געקענט אויספיהרען, און מיט דער צייט האב איך אויפגעהערט מיך צו קורירען און איך האָב געזוכט צו פערגעסען אן מיין קראנקהייט, דורך מעהר טרינקען און פרעהליך זיין.

עס איז געווען דיא צווייטע וואָך נאכדעם וויא איך האָב אנגעפאנגען צו פיהרען אזא לעבען, ווען מיראנדא האט מיך פאָרגעשטעלט פאר א פאָליציייא אגענט מיט וועלכען איך האָב מיך בעדונגען איהם צו צאהלען 15 דאָלאר א מאָנאט אום איך זאָל קענען פיהרען מיין שאנדע־לעבען אונגעשטערט.

דער אגענט פלעגט קומען רעגעלמעסיג נעהמען זיין געלד, און אזוי האָב איך אבגעלעבט 10 מאָנאט. ווען איך האָב שוין באלד געהאט דערטרונקען מיין גאנצע פערגאנגענהייט אין שנאפס, ביער און וויין.

איז דאס ניט מערקווירדיג? איך האָב אויך מאנכע מאל הנאה געהאט פון אזא ארט לעבען, וואו איך בין מיר אליין געווען בעל־הבית און געטהאָן וואס איך האָב געוואָלט; איך האָב שטאָלצירט דארויף וואס שעהנע און קלוגע מענער זיינען מיך געקומען בעזוכען און איך האָב פון זייא געקענט חוזק מאכען, ווען איך האָב געוואָלט.

איך בין אויך בעקאנט געוואָרען אין דער נאכבארשאפט און מען האט גאנץ גוט געוואוסט ווער איך בין. מענער פלעגען מיך אנקוקען מיט א גלייכגילטיגקייט, פרויען מיט א שטעכעדיגען בליק און קינדער האבען אויף מיר געטייטעלט מיט דיא פינגער.

אנפאנגס האט דאס מיך זעהר געערגערט, אבער עס האט ניט פיעל געדויערט און איך בין אויך דערצו געוואָרען גלייכגילטיג.

געהאסט האָב איך דיא גאנצע וועלט מענשען, און איבערהויפט האב איך פעראכטעט דיא מענער וואס זיינען מיך געקומען בעזוכען. מאנכע האבען זיך געציינט אלס אזעלכע שווייגען, אז איך וואָלט זייא געקענט דערשטעכען אהנע צו שפירען אירגענד א מיטלייד מיט זייא.

און וואס פאר א לומפען דיא מענער זיינען! זייא זיינען ווירקליך דיא ניעדריגסטע און אבשייליכסטע בעסטיעס!

אין איין אבענד, ווען איך און מיראנדא זיינען געזעסען אין איהר וואָהנונג און געשפיעלט אין קארטען ערוואַרטענדיג געסט, האט זיך געהערט א קלאפ

אין דער טהיר. מיראנדא איז געגאנגען עפענען און פאר אונזערע אויגען זיינען ערשיע־
נען צוויא מענער ציוויל געקליידעט און א פאָליציסט אין אוניפאָרמע.

איינער פון דיא ציוויל־געקליידעטע מענער האט אונז ערקלערט, אז ער איז
א פאָליציי־אגענט און מיר מוזען איהם בעגלייטען אין דער פאָליצייא סטאציאָן.

מיראנדא, וויא עס שיינט, איז שוין געווען בעקאנט מיט אזעלכע זאכען און
זיא האָט מיר געהייסען זיך אנקליידען. זיא האט דאס זעלבע געטהאן, און נאכ־
דעם וויא זיא האט פערשלאָסען דיא טהיר, זיינען מיר געגאנגען מיט דיא פאָ־
ליציסטען.

איבער דעם וועג, האָט זיא געגעבען איין אגענט א פאאר דאלאר, ער זאל
אריין געהען אין א ביער־סאלון און אנזאגען דעם בעל־הבית, איהרען א בעקאנטען,
אז זיא און איהר פריינדין זיינען ארעטירט געוואָרען.

ווען מיר זיינען אנגעקומען אין דער פאָליציי־סטאציאָן, האָט אונז דער פאָ־
ליציי־שעף ערקלערט, אז מיר זיינען ארעטירט פאר האלטען איין אונאנשטענדי־
געס הויז. אין דערזעלבער צייט איז אויך ערשיענען דער מאן פון דעם ביער־סאלון
און פאר אונז געגעבען 200 דאָלאר גאראנטיע (בייל) און מיר זיינען בעפרייעט
געוואָרען ביז מאָרגען צום פראָצעס.

מיראנדא האָט דאן זיך נאכגעפרעגט וואס עס האָט פלוצלינג פאסירט,
און זיא האָט ערפאהרען, אז עס איז געוועקסעלט געוואָרען דער פאָליציי־שעף
און מיר וועלען מוזען מאכען א נייעם מסחר מיט זיין אגענט וויפיעל מיר זאָלען
צאהלען א מאָנאט אום מען זאל אונז ניט שט רען.

דיא גאנצע געשיכטע האָט בייא מיר אוועק גענומען א האלבעס לעבען פאר
שרעק, נאר מיראנדא האט אוימגעזעהען אונבעקימערט.

„זייא ניט קיין נאר,“ האָט זיא צו מיר געזאגט ארויסגעהענדיג אויף דער
גאס.

איך האָב נאך אלץ געציטערט.

„דוא ביזט דום,“ האָט זיא ווייטער געזאגט.

„איך בין ערשראָקען ביז טויט,“ האָב איך געענטפערט.

„מיר געהען יעטצט ניט אהיים.“

„וואוהין דען?“

„מיר וועלען געהען אין א טהעאטער.“

„וואָרום גראדע יעטצט?“ האָב איך געפרעגט.

„ווייל עס איז געפעהרליך צו בלייבען אין דער היים.“

„וואס מיינסטו?“

„ביז מיר וועלען ניט אראנזשירען מיט דעם נייעם שעף, קען מען אונז יע־דען אויגענבליק איבערפאלען.“

„וועלען מיר גאר ניט אהיים געהען היינטיגע נאכט?“

יא, פארטאג.“

„און דאן?“

„דאן וועלען מיר פערשליעסען דיא טהיר, קיינעם ניט אריין לאָזען און זיך אויסשלאפען א פאאר שטונדען, ווייל מיר מוזען געהען אין געריכט־הויז.“

„אין געריכט־הויז?“

„אין געריכט־הויז, יא, פאר וואס דען מיינסטו האט דער מאן פון דעם ביער־סאלון פאר אונז גאראנטירט?“

„און דאן?“ האָב איך געפרעגט ווידער ערשראָקען.

„דאן וועלען מיר בעצאהלען א געלד־שטראפע.“

איך האָב פרייער אויפגעמוטהיגט.

„אַבי נאָר געלד, איז שוין גוט.“ האָב איך בעמערקט.

מיר זיינען פריהער אריין אין סאלון, און וויא מיראנדא האט געזאגט, האָ־בען מיר בעדארפט האבען עפּעס זיך „צו שטארקען דיא נערוועןן“ נאך אזא אויפרעגונג.

יעדע פון אונז האט אויסגעטרונקען צו צוויא גלעזלעך שנאפּס, און פון דאָרט האָבען מיר גענומען א דראָשקע און אוועק געפאהרען אין א טהעאטער.

מיר האָבען גענומען צוויא זיטצע צו צוויא דאָלאר, און ווען מיר זיינען אריין אין טהעאטער, האָט מען שוין געשפּיעלט דעם צווייטען אקט.

אנפאנגס בין איך נאך געווען שטארק אויפגערעגט און איך האָב פאר מיר גאר ניט געזעהען, אבער נאכהער, וויא איך האָב מיך אביסעל בערוהיגט, האָב איך מיך אנגעפאנגען אויסצוקוקען איבעראל.

דיא ביהנע מיט דיא אקטיאָרען האָט מיך ניט שטארק אינטרעסירט, אבער איך האָב געקוקט אין דיא לאָזשען אויף דיא שעהנע און רייך־געקליידעטע דאמען.

אין מיטען פון איין לאָזשע, האָט איין דאמע, אין א העל־גרינעם קלייד, שטארק אויסגעשניטען, צוגעצויגען מיין גרויסע אויפמערקזאמקייט. זיא איז געווען

אַ מערקווירדיגע שעהנהייט, מיט אַ וואַלד בלאָנדע האאר וואס האָבען ארונטער געהאנגען איבער איהרע שולטערן. איהר האלז און העכערער טהייל פון דער ברוסט, האבען אויסגעזעהען אזוי ווייס וויא מארמאָר. און איהרע שוואַרצע אויגען האָבען גראדע אזוי געגלאנצט אין שיין פון דיא עלעקטרישע לאָמפּען, וויא איהר בריליאַנטען אין דיא האאר, ברוסט און אויף דיא פינגער.

איהר רעכטע האנד האָט זיא געהאלטען אנגעשפּארט אויף דעם אַקסעל פון אַ מאַן, וועלכער איז געווען שטארק פערטראכט אין דעם וואס עס געהט פאָר אויף דער ביהנע. זיין געזיכט איז געווען שטארק אבגעווענדעט און איך האב דאס ניט געקענט זעהען. אבער איך האָב מיר געמערקט, אז ער מוז זיין דער מאַן פון דער שעהנער דאַמע, לויט דיא פאמיליערימעט וואס זיא צייגט איהם.

איך בין נייגיריג געווען צו זעהען וואס פאר אַ פּנים דער מאַן האָט פון אזא שעהנער פרוי.

מיין נייגיעריגקייט איז באלד בעפריעדיגט געוואָרען, ווען דער מאַן האָט אומגעווענדעט זיין געזיכט.

מיראנדא האָט בעמערקט מיין אונרוהיגקייט.

„וואס איז געשעהען?“ האט זיא געפרעגט.

איך האָב איהר ניט געקענט ענטפערן.

„וואס איז ליזאַ?“ האט זיא נאך אמאל געפרעגט.

„ער......“ מעהר האָב איך ניט געקענט רעדען, און מיינע אויגען זיינען געווען געריכטעט צו דער לאָזשע.

מיראנדא האט געמערקט מיין בליק און מיך נאך אמאל געפרעגט:

„וואָס ער? ווער איז דאס?“

„טשאַלי, מיין פערפיהרער.....“ האָב איך ארויס געשטאמעלט.

„וועלכער איז ער?“ האט זיא נאך אמאל געפרעגט מיט געשפּאנטער נייגיערינקייט:

איך האָב איהר איהם דאָן אנגעצייגט.

זיא האָט איינינע אויגענבליק איהם בעטראַכט און דאָן געפרעגט:

„און ווער איז דיעזע נעבען איהם? איך גלויב עס איז זיין פרוי?“

„יאַ, יאַ, זיא איז זיין פרוי,“ האָב איך געענטפערט מיט שלאַנגען־וואוטה,

„איך וואָלט וועלען איהר צודריקען דעם האלז......“

אונזער געשפּרעך האָט צוגעצויגען דיא אויפמערקזאמקייט פון דעם טהעאַ־טער־דיענער און ער האָט אונז געוואָרנט צו זיין שטיל.

וועהרענד דעם האָבען זיך אומגעקוקט א פּאָאר מענשען פון דער לאָזשע, צו הערען וועמען מען הייסט זיין שטיל.

ער און זיא האבען זיך אויך אומגעקוקט. אונזערע בליקען האבען זיך בעגעגענט. זיין בליק איז געפאלען אויף מיר און ער האט מיך לאנג בעטראכט אום זיך צו איבערצייגען, אז איך בין דאס. ער האָט מיך דערקענט, דען איך האָב גע־זעהען וויא ער האָט צוזאמען געדריקט זיינע ליפּען, ארונטער געלאָזען זיינע אויגען און זיך האסטיג אבגעווענדעט צו דער ביהנע.

„איך פיהל שלעכט,“ האב איך איינגעראמט מיראנדאַ'ן.

זיא האָט זיך צו מיר אומגעקוקט און בעמערקט וויא בלאס מיין געזיכט איז געוואָרען. זיא האט מיך גלייך גענומען אונטער דער ארם און מיך אריינגעפיהרט אין א זייטען־צימער. דאָרט האָב איך באלד גע'חלש'ט.

עס האָט ניט פיעל געדויערט און זיא האט מיך דערמינטערט. דאן זיינען מיר אהיים געגאנגען און אנגעפאנגען צו טרינקען שנאפּס ביז פארטאג. א פּאָאר געסט האבען אפילו געקלאפּט אין דער טהיר, נאר מיראנדא האט קיינעם ניט געוואָלט עפענען.

ווען מיר זיינען איינגעשלאפען, וויים איך ניט, נאר מיר האבען ערוואכט ארום 9 א זייגער אין דער פריה און זיך דערמאהנט, אז מיר מוזען זיין אין געריכט־הויז.

מיר האָבען זיך שנעל אנגעקליידעט, געטרונקען צו ביסלעך שנאפּס און אנ־געקומען גראדע דאמאלס ווען מען האט אויסגערופען אונזערע נעמען.

דער ריכטער איז געווען איין אלטער מאן מיט א שטרענגעס און אונפריינד־ליכעס געזיכט.

מיט א בייזער שטימע האט ער אונז געפרעגט, אויב מיר אנערקענען זיך אלס אונאנשטענדיגע פרויען.

מיראנדאַ האָט געלייקענט, נאָר איך האָב געציטערט און ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן.

„האלטען זייא נאך אנדערע פרויען בייא זיך?“ האט דער ריכטער געפרעגט דעם פּאָליצייא־אגענט וואָס האָט אונז אַרעטירט.

„מיר האָבען דאָרט מעהר קיינעם ניט געפונען.“
„צו דרייא מאָנאט ארעסט!“ איז געוועזן דער אורטהייל.

14טעס קאַפּיטעל.

געזונקען טיעפער.

דער אורטהייל איז געוועזן איין אונערוואַרטעטער. מיראנדא האָט געוואוסט, אז אין אזא פאַל, קומט מען אָב מיט 5 אָדער 10 דאָלאַר, און דאן גלייבט מען זיך אויס מיט דער פּאָליצייא און מען ווערט ווייטער ניט געשטערט.

דיא אורזאַכע אבער, צו אונזער שלים־מזל, איז יעטצט געווע׳, וואס עס איז עפּעס געוואָרען איין ענדערונג אין דער פּאָליטיק. מען האָט שטארק קריטיקירט דיא פּאָליצייא אין דיא צייטונגען, און דער נייער פּאָליצייא־שעף פון אונזער געגענד וואו מיר האָבען געוואָהנט, האָט זיך געוואָלט אויסצייכנען אלס א פיינער מאַן, און ער האָט זעלבסט פערלאנגט געגען אונז א שווערע שטראַפע. דער ריכטער זעלבסט, איין אלטער און אבגעשמאקטער זינדער, איז ניט געוועזן דאנעגען אונז צו שיקען אין געפענגניס.

אין יענעם טאג, האָב איך ערפאהרען, אז מען האָט נאָך פיעלע אנדערע מיט איין עהנליכער שטראַפע מכבד געוועזן.

איך בין געוועזן צוטומעלט הערענדיג דעם אורטהייל, נאר מיראנדא האָט מעהר מוטה געהאט און גלייך געלאָזען צורופען איין אדוואָקאט און מיט איהם געהאט איין אונטעררעדונג.

דאן האָט מען אונז אוועק געשיקט אין שטעדטישען געפענגניס צו ערוואַר־טען ביז מען זאָל אונז אריבער שיקען אויף דער אינזעל.

מיט א שטונדע שפּעטער איז געקומען דער אדוואָקאט אונז בעזוכען, און מיראנדא האָט איהם פערשפּראָכען 200 דאָלאַר אונז צו רעטען.

קיין געלד האט זיא ניט געהאט גלייך מיט מיר, נאר זיא האט איהם גע־געבען איהר ביסעל ציערונג און מיין ציערונג דאס צו פערזעטצען. ער האט דא־רויף געקריעגען 90 דאָלאַר און דעם רעסט, האָט עס געהייסען, זאָלען מיר איהם בעצאהלען, ווען מיר וועלען ארויס פרייא.

דער סוף איז געוועזן, וואס מיר זיינען אבגעזעסען 8 טעג אין שטעדטישען געפענגניס, דער אדוואָקאט האָט אונז פארגעפיהרט פאר א צווייטען ריכטער, און דער האָט בעשטעטיגט דעם אורטהייל פון דעם ערשטען ריכטער.

מיר זיינען אוועק געשיקט געוואָרען אויף דער אינזעל וואו מען האט אונז געשטעלט וואשען וועש, דאן רייניגען א קיך און אנדערע ארבייטען.

איך האָב דאָרט בעקאנטשאפט געשלאָסען מיט מעהרערע פּרויענצימער פון אונזער קלאסע, וועלכע זיינען געזעסען פאר איין עהנלוכעס „פערברעכען.“

מאנכע זיינען געווען ערביטערטע אונגליקליכע, אבער מייסטענטהיילס זיינען זייא געווען גלייכגילטיגע און דער ארעסט האט אויף זייא קיין איינדרוק געמאכט. יעדע האָט נאר אויסגערעכענט וויא לאנג זיא דארף נאך זיטצען אום ווידער אנצור פאנגען דיזעלבע קאריערע.

דיא ארבייט האָט מיך אונטערדעסען קראנק געמאכט. איבערהויפּט האָט אויף מיר שטארק געווירקט וואס איך האָב ניט געהאט וואס צו טרינקען, נאכ־דעם איך בין שוין געוואוינט געוואָרען צו שנאפּס, וויין און ביער. אויף'ן צווייטען מאָנאט האָט זיך מיין הוסט געשטארקט, און אין א נאכט, זייענדיג אויף מיין געלעגער, האָב איך געקריגען א צווייטען בלוט־שטורץ.

מיין קישען איז פול געוואָרען מיט בלוט, און גאנץ פריה, האט מען מיך אוועק געפיהרט אין האָספּיטאל וואו איך בין שוין אבגעלעגען דעם רעסט פון מיין געפענגניס-צייט.

ווען איך בין ארויס, האָב איך מיך צוזאמען געטראָפען מיט מיראנדא'ן, וועלכע האָט מיר דערצעהלט, אז אין אונזער אבוועזענהייט, האָט דער מעבעל־הענדלער ארויס גענומען אונזער מעבעל דערפאר וואס מיר האבען ניט איינגע־צאהלט דיא וועכענטליכע אבצאהלונגען.

מילא מיין מעבעל איז ניט געווען בעצאהלט מעהר וויא א העלפט, נאָר מיראנדא האט שוין געהאט אבגעצאהלט 130 דאָלאר אויף א סומע פון 155, און פיר דיא 25 דאָלאר, האט מען איהר צוגענומען דאס מעבעל.

דאָרט וואו מיר האָבען געוואָהנט, איז שוין געווען פערדונגען, און אויסער עטליכע קליידלעך אונזערע וואס זיינען געווען בייא דער הויז-אויפזעהערין, האבען מיר זיך געפונען אויף דער גאס, ניט האבענדיג אפילו וואוהין אריין צו געהען.

„וואס טהוט מען יעטצט?“ האָב איך געפרעגט פערצווייפעלט.

„מיר וועלען אויפזוכען א פּלאַטץ,“ האט מיראנדא געענטפערט ענטמוטהיגט.

„א פּלאַטץ?“

„יא.“

„וואס מיינסטו?“

„מיר וועלען מוזען געהען זוכען א פלאטץ בייא איין אנדערען, ביז מיר ווע־לען ווידער אליין קענען האלטען א הויז.“

איך האב זיא פערשטאנען.

מיראנדא איז שוין געוועזען גוט בעקאנט און מיט איהר צוזאמען זיינען מיר אוועק זוכען.

אין אייניגע פלעטצער האט מען אונז געזאגט, אז אלע צימער זיינען פול און מען קען אונז ניט אויפנעהמען.

איך האב בעמערקט, אז איבעראל וואו מיר זיינען געגאנגען, איז עס געוועזען זעהר עלעגאנט און דיא פרויענצימער וואס האבען אונז בעגעגענט, זיינען געוועזען אלע יונג און זעהר שעהן.

ענדליך האט מיראנדא געטראפען א פלאטץ וואו מען האט זיא אויפגענומען.

„דיך קען איך ניט אויפנעהמען,“ האט צו מיר געזאגט דיא בעל־הבית׳טע.

„דוא ביזט קריינקליך און מיר נעהמען אויף בלויז געזונדע פרייענצימער.“

איך האב ניט געקענט וויינען און בלויז אנגעקוקט מיראנדא׳ן צו הערען פון איהר איין עצה.

מיראנדא האט אוועק גענומען דיא בעל־הבית׳טע אויף א זייט און בייא איהר געליהען צווייא דאלאר. זיא איז דאן צו מיר צוגעגאנגען און מיר געגעבען דאס געלד מיט דיא ווערטער:

„דא האסטו צווייא דאלאר, ליזא, פארלויפיג אויף דער הוצאה. עס טהוט מיר לייד וואס עס דא פאר דיר קיין פלאטץ ניטא. דוא וועסט דיך מוזען ווענדען אין איין אנדערע געגענד, אביסעל ניט אזוי עלעגאנט וויא דא, דארט וועט מען דיך אויפנעהמען.“

זיא איז דאן ווידער צוגעגאנגען צו דער בעל־הבית׳טע און גענומען עטליכע אדרעסען און מיר געגעבען. איך האב דיא אדרעסען צוגענומען און בין אוועק געגאנגען.

איך האב געוואנדערט געגען א האלבע שטונדע איבער דער גאס, ביז איך האב גענומען א קאר און ארונטער געפאהרען ניעדריגער אין דער שטאדט.

דאס הארץ האט מיך געגאגט און איך האב געוואלט עפעס עסען. איך בין אריין אין א רעסטאראנט, וואו איך האב אבגעגעסען, און פון דארט בין איך אריין דורך דער זייטען־טהיר אין א ביער־סאלון וואו איך האב אויסגעטרונקען דרייא גלעזלעך שנאפס.

א פאאר מענער, וועלכע האָבען מיך אפילו ניט געקענט, אבער זיך אנגע־שטויסען ווער איך בין, האבען מיט מיר אנגעפאנגען א געשפרעך, און איך האָב איינעם דערצעהלט, אז איך קום נאָר וואס פון דער אינזעל.

„ווילסטו א פלאטץ?" האָט איינער געפרעגט.

„יא, עפעס א גוטען פלאטץ," האב איך געענטפערט זייענדיג אויפגעמונ־טערט פון דעם שנאפס.

נאך אין דעמזעלביגען אבענד האָט ער מיך אריין געפיהרט אין א הויז וואו איך האָב געטראָפען דורכאויס אידישע מיידלעך, אזעלכע אונגליקליכע וויא איך בין געוועןְ.

15טעס קאפיטעל.

ליזא'ס „בעשיטצער."

איך קען מיר גאָר ניט פאָרשטעלען, אז עס איז מעגליך, אלע מענער זאָ־לען זיין אזוי פערדאָרבען וויא דיעזע וואס איך האָב קענען געלערנט. וואס מעהר איך בין געקומען אין בעריהרונג מיט מענער, וואס מעהר איך האָב מיך מיט זייא בעגעגענט, אלץ ניעדריגער, געמיינער און פערדאָרבענער האבען זייא זיך מיר פאָרגעשטעלט.

שטעלט זיך פאָר, איך, א שוואכע, אונגליקליכע קראַנקע פרוי, וועלכע האָט געזעהען דעם טויט אויף שריט און טריט פאר זיך — אלזאָ, פון אזא פרוי, האט א געזונדער, שטארקער און מעכטיגער מאן זיך בעשלאָסען צו צאַפּען געלד.

און וואס פאר א געלד? דיא בעלוינונג פאר מיין שאנדע, פאר מיין ער־ניעדריגונג און אונגליק!

דער, וואס האָט מיך געזעהען טרינקען אין ביער־סאלון און וועלכער האָט מיך רעקאָמענדירט אין דעם פלאטץ וואו מען האָט מיך אריינגענומען, האָט זיך גערופען דזשייק. ער איז געוועזען א מאן פון א יאהר 26, מיט א שעהנעם און גע־זונדעם געזיכט, הויך געוואקסען, גוט ענטוויקעלט, און אָבוואָהל ער איז געוועזען א גרויסער גראָבער יונג, האָט ער פערשטאנען צו מאכען א קאָמפלימענט.

מיר א קאָמפלימענט? וויא טרויעריג דאס האָט געקלונגען אין מיינע אויערן. ער האט מיר, שווינדזיכטיגע, שוואכע און געבראָכענע, רואינירטע פרוי, גע־זאגט, אז איך בין שעהן, רייצענד, אנציהענד, און איך ארמע דומע אונגליקליכע, האָב נאך געהאט דאס געדולד, און דאס פערפלוכטע פערגניגען, הנאה צו האבען פון אזעלכע קאָמפלימענטען!

עס איז א קאָמישע וועלט. דערפאר וואס ער האָט מיר רעקאָמענדירט א פּלאַטץ פיר שאנדע, בין איך איהם געוועזן דאנקבאר; דערפאר וואס ער האָט מיר געגעבען א געלעגענהייט צו האנדלען מיט מיין לייב, האָב איך איהם בעטראכטעט אלס א פריינד.

ווען מען וואָלט מיר אמאָל געזאגט, אז דאס וועט מעגליך זיין איך זאָל קענען אזוי דענקען, וואָלט איך אויפגעשווידערט בלויז פון דער אידעע. און דאך איז עס געוואָרען א טהאטזאכע.

איך דערצעהל דאס אייך בלויז, אום אייך צו ווייזען וויא ניעדריג א פּרויוענ־צימער קען זינקען דורך אומשטענדען. איך פלעג אָפט בעטראכטען מיין לאנגע וויא אזוי איך בין געפאלען אַלץ טיעפער און טיעפער, אלץ ניעדריגער און ניעדריגער, און איך דערנעהנטער מיך צום אבגרונד, וואוהין איך מוז פריהער אָדער שפּעטער אריין זינקען און צערשמעטערן אלע מיינע גליעדער.

אין זאָלכע מאָמענטען האָב איך צו מיר זעלבסט ביטער געשמייכעלט, און זיך נאר געפרעגט: „וויא וויט איז עס נאך צום אבגרונד?"

אבער מיר קעהרען צוריק צו דעם אינהאלט, און איך וויל אייך דערצעהלען ווייטער וויא געמיין און פערדאָרבען א מאן קען זיין.

דזשייק האָט זיך צו מיר שטארק צוגעשמייכעלט און איז געוואָרען מיין פריינד. איך האָב ערפאהרען, אז דזשייק האט זייט ער לעבט ניט געארבייט; זיין בעשעפטיגונג איז געווען, וואס ער האָט צייטענווייז גע׳גנב׳עט, און ווען ער איז געווען מיעד צו טהון דיעזע מלאכה, האָט ער געשפּיעלט אין קארטען, און ווען ער האָט קיין געלד ניט געהאט צו שפּיעלען אין קארטען, פלעגט ער אויסזוכען אזא אונגליקליכע וויא איך בין געווען, ווערען איהר „בעשיטצער," און דערפאר בייא איהר אוועק נעהמען דאס געלד וואס זיא האָט פערדיענט מיט איהר לייב.

וויא וויט איך קען מיך עראינערען, וועל איך אייך איבערגעבען דאס ערשטע געשפּרעך וואס איך האָב מיט איהם געהאט. איך האָב נאטירליך שוין פון פריי־הער געהערט פון אזעלכע „בעשיטצ.ר," אבער זייענדיג, וויא מען זאגט, „איינע פיר זיך" ביז דאמאלס, א „פּריוואט פּרויענצימער," האָב איך קיין „בעשיטצער" ניט בעדארפט, און פאָלג.יך האָב איך געגוי ניט פערשטאנען וואס זיין עובדא קען זיין.

„דיא זאך דערפון איז אזוי," האט ער צו מיר געזאגט דעם ערשטען אבענד וואס איך בין געקומען אין דעם נייעם פּלאַטץ. „איך בין דיין פריינד, דיין בעשיטז־

צער. וואס דוא וועסט פערדיענען, וועל איך אוועק נעהמען און דיך בעזאָרגען מיט אלעמען וואס דוא בענעטהיגסט. דיר קויפען קליידער, שיך און דיך נעהמען אין טהעאטער.״

„קען איך דאס אליין ניט טהון?״ האָב איך געפרעגט.

„ניין.״

„פערשטעהסטו, ליזא, איך וויים בעסער וויא צו קויפען דיא אלע זאכען און דאס וועט דיך אימער קאָסטען העלפט געלד.״

„איך פערשטעה ניט וואס דוא מיינסט?״

„אָט וועל איך דיר ערקלערען. דיא „מיידלעך״ וואס האבען קיין „בעשיצער״ קריעגען אלעס געקויפט דורך דער בעל־הבית׳טע, און זיא נעהמט אימער דאָפּעלע פרייזען.״

איך האָב איהם אנגעקוקט און דאס ניט גאנץ גוט בעגריפען.

„דיא זאך איז אזוי:״ האט ער ווייטער געזאגט. „דאס וואס דוא פערדיענסט דא, נעהמט אוועק דיא בעל־הבית׳טע. א העלפט געהערט איהר און א העלפט דיר. דיא אנדערע העלפט קענסטו קיינמאָל גיט אנזעהען אין דיא אויגען, סיידען דוא האסט א בעשיטצער.״

איך האָב איהם שוין פערשטאנען.

„דאן איז א בעשיטצער ניטצליך צו אנדערע זאכען, נאך וויכטיגער וויא דיעזע,״ האט ער געזאגט.

„וואס מיינסטו?״

„איך וועל דיר ערקלערען: דאס הויז ווערט אמאל בעפאלען פון דער פאָ־ליצייא און דוא ווערסט ארעטירט.״

איך האָב געשווידערט דאס הערענדיג.

„דאן ווערסטו פאָרגעפיהרט,״ האָט ער פאָרטגעזעטצט, „פאר א ריכטער.״

„דאס וויים איך.״

„אבער דוא וויימט ניט וואס עס געשעהט.״

„אה יא, מען שיקט אוועק אין געפעננניס.״

„ריכטיג. אבער מען קען דאס פערהינדערן.״

„וויא אזוי?״

„מען בעווייזט, אז דוא ביזט ניט קיין אויסגעלאסענע.״

איך האָב איהם אנגעקוקט ערשטוינט.

„יאָ, יאָ, אזוי איז עס,“ האָט ער געזאָגט מיט א שמייכעל.

„איך פערשטעה ניט וואס דוא מיינסט.“

„איך וועל דיר ערקלערען. איך וועל מיט דיר חתונה האבען.“

„חתונה האבען?“

„יאָ, יאָ, וואס איז דא פאר א וואונדער?“

„איך האָב דאָך שוין א מאַן?“

„דומהייטען, יענער איז ניט אין חשבון.“

„אבער איך בין דאָך מיט איהם פערהייראטהעט בייא א ריכטער?“

„וועט ער געהען ערקלערען אין א געריכט־הויז, ווען מען וועט דיך ארעטירען, א דוא ביזט זיין פרוי און ער גלויבט אין דיין עהרליכקייט?“

„ניין, דאס וועט ער ניט טהון, און דאן ווייס איך גאר ניט וואו ער איז.“

„דאס פערשטעהט זיך,“ האט ער געזאגט טריאומפירענד, „ער וועט עס ניט טהון, אבער איך יאָ.“

„און וואס וועט דאמאלס ווערען?“

„דאמאלס קום איך און זאג, אז איך בין דיין מאַן און דוא מיין פרוי, און איך בעפרייע דיך.“

„ווירקליך?“

„אקוראט אזוי. אמאָל דארף עס קאָסטען א פּאאר דאָלאר, און ווען דוא האסט ניט בעזאָרג איך שוין דאס געלד.“

איך בין געבליבען זיטצען און נאכגעדענקט דעם פאָרשלאָג. איך האָב גע־מוזט צוגעבען, אז ער איז מיר זעהר נויטהווענדיג.

„און וויא טהון דיא אנדערע?“ האָב איך געפרעגט.

„אויך אזוי.“

„אלע?“

„מייסטענטהיילס, ווייל זייא ווייסען, אז מען מוז האבען א בעשיטצער.“

„דאן וועל איך דאס איבערדענקען און דיר זאגען ענטפער.“

„אויסער דעם,“ האט ער ווייטער געזאָגט, „דינגען מיר בײדע א צימער, טאקי וויא ריכטיגע מאן און ווייב. איין טאג אין דער וואָך קומסטו אהיים אין אונזער צימער, וואו איך וואוין אליין דיא גאנצע וואָך. דאן עסען מיר צוזאמען,

אונטערהאלטען זיך, געהען אויס איינקויפען, בעזוכען דאס טהעאטער, און מיר פערבלייבען אזוי וויא ריכטיגע מאן און ווייב ביז אויף׳ן אנדערן טאג.״

איך האָב איהם אימער בעטראכט און ניט געוואוסט וואס צו זאגען.

„אמאל״ האָט ער ווידער געזאגט. „פערבלייבסטו אין דער היים אפילו א גאנצע וואָך און אויך צוויא וואָכען. דאן פּאסירט עס, א מענש ווערט קראנק, און דיא בעל־הבית׳טע וויל נאר האבען געזונדע מיידלעך. מען מוז דאמאלס האָבען א היים, און דוא קומסט אהיים וואו דוא פערבלייבסט אזוי לאנג וויא דוא ווילסט.״

א היים? מיין גאָט! דאס האָט געריהרט מיין הארץ, און אָהנע ווייטער צו דענקען, האָב איך אנגענומען זיין פאָרשלאָג און דזשייק איז געוואָרען מיין בעשיטצער.

16טעם קאַפּיטעל.

וואס דער בעשיטצער בעדייטעט.

איין זאך האָט מיין בעשיטצער פערגעסען אריין צו רעכענען אין חשבון, וועלכע איז, דאכט זיך, זעהר וויכטיג, פון א בעשיטצער׳ס שטאנדפונקט.

דיא „מיידלעך״ אין אזא הויז, אהן א בעשיטצער, זיינען אויסגעזעטצט צו זעהר פיעל אונאנגענעהמעס אונטער זיך זעלבסט.

איהר מעגט לאכען, אבער דיא וואהרהייט איז, אז זאגאר אין אזא העללע פיהרען אויך דיא פרויען זייערע אינטריגעס, זייערע צאנקערייען און אייפערזוכט.

עס איז פיעל צו רעדען דאריבער און צו שמועסן צום שילדערן, אבער וויא דיא זאך איז, קריעגט מען זיך ארום טאג אזוי נאכט, און ווען מען ווייס, אז איינע האָט א בעשיטצער, האט מען מורא פאר אזעלכער, ווייל דער בעשיטצער קומט און נעהמט זיך אן איהר קריוודע.

דערפון האָב איך ערפאהרען דעם צווייטען טאג: איינע, א צאַרטע און בלאסע, נאר מיט רויטע באקען פון דער, איז שיער דערוואָרגען געוואָרען; פון א צווייטער פרוי, א געזונדערע, דערפאר וואס דיא צאַרטע האט אבגערעדט איהרען א „פריינד.״ דיא צאַרטע האָט קיין בעשיטצער ניט געהאט און עס איז געווען פערפאלען.

מיט מיר האָט שיער עהנליכעס פּאסירט אין דעמזעלבען טאג, נאר מיין געגנערין האט מיר געזאגט:

„דיין גליק איז, וואס דזשייק איז דיין בעשיטצער, זאָנסט וואָלט איך דיר געוויעזען וויא שארף מיינע נעגעל זיינען.״

געגעסען האב איך צוזאמען מיט דיא איבריגע פּראָווענציאַלער אין דעמזעלבען הויז. דזשייק איז מיך געקומען בעזוכען אַ פּאָאַר מאָל אין טאָג, און מיך יעדעס מאָל געפרעגט וויפיעל איך האָב פערדיענט.

אַ גאַנצע וואָך האָב איך פאַר מיר ניט געזעהען דיא ליכטיגע שיין; איך בין נאָר געזעסען אין הויז און דאָרט געשלאָפען. צום שלוס פון דער וואָך האָט זיך דזשייק אָבגערעכענט מיט דער בעל־הבית׳טע, צוגענומען דאָס געלד וואָס איך האָב פערדיענט און האָט מיר געהייסען זיך אָנקליידען און מיט מיר געגאַנגען שפּאַצירען.

אונזער ערשטער גאַנג איז געוועזען זיך צו פערהייראַטהען און איך זאָל האָבען דיא הייראַטהס־פּאַפּיערען בייא מיר. דאַן האָבען מיר געגעסען אין אַ רעסטאָראַנט און אָבענד האָבען מיר בעזוכט דאָס טהעאַטער.

נאָכדעם אַלעמען, האָט מיך דזשייק אָבגעפיהרט צוריק און מיר ערקלערט, אַז נעכסטע וואָך וועט ער נעהמען אַ צימער וואו עס זאָל זיין אונזער היים.

עס זיינען פאַראיבער 5 וואָכען און מיר האָבען שוין געהאַט אַ צימער, אָבער איך האָב דיא גאַנצע צייט קיין סענט אָנגעזעהען אין דיא אויגען.

איך האָב מאַנכע מאָל מיר געוואָלט קויפען איין עפּעל, עפּעס טרינקען, אָבער איך האָב ניט געהאַט מיט וואָס. וועהרענד דעם לעטצטען אויסגאַנגס־טאָג, האָב איך געהאַט אַ העפטיגען אויפטריט מיט דזשייק׳ן, און איך האָב ערקלערט, אַז ער דאַרף ניט צו נעהמען מיין גאַנצעס געלד.

ער האָט מיך גערופען וואָס ער האָט געוואָלט און מיך אָבפיהרענדיג צוריק אין פּלאַטץ, האָט ער מיך צוריק געלאָזען מיט אַ וואָרנונג:

„ליזא, גיב אַכטונג וואָס דוא טהוסט, מיט מיר שפּיעלט מען זיך ניט!“

אויף׳ן אַנדערען טאָג, האָב איך געזאָגט דער בעל־הבית׳טע, זיא זאָל מעהר דזשייק׳ן קיין געלד ניט געבען.

אָבענד איז ער אַוועק שפּיעלען אין קאָרטען מיט דעם געלד פון לעטצטער וואָך און האָט אַלעס פערשפּיעלט. אַרום האַלבע נאַכט איז ער ערשיענען בייא דער בעל־הבית׳טע און פערלאַנגט עטליכע דאָלאַר על־החשבון. זיא האָט איהם ניט געגעבען און געזאָגט, אַז איך האָב אַזוי געהייסען.

אָהנע פיעל צו וואַרטען איז ער אריין געקומען צו מיר און געפרעגט:

„האָסטו אָנגעזאָגט מען זאָל מיר קיין געלד ניט געבען?“

„יא.“

„און וויא וואגסטו דאס צו טהון?“

„אזוי וויל איך!“

„ניין, ניין, מיין טייבעלע, דוא וועסט ניט וועלען וואס דוא ווילסט, זאנדערן וואס איך וויל!“

זיינע אויגען זיינען אנגעגאָסען געוואָרען מיט בלוט פאר צאָרן.

„געה שנעל ארונטער“ האט ער געדונערט. „און זאג דער בעל־הבית׳טע זיא זאָל מיר געבען צוועלף דאָלאר.“

„איך וויל ניט.“

„געה, זאג איך, ווייל איך מוז אבגעווינען מיין געלד! געה שוין!“

„איך געה ניט.“

וואס אין נעכסטען אויגענבליק איז געשעהען, האב איך ניט גענוי בעגריפען, אבער איך האָב געשפירט א העפטיגען שמערץ אין גענזיכט און עס איז מיר פינ־סטער געוואָרען אין דיא אויגען. דאן האָב איך געשפירט זיינע שווערע פויסטען קלאָפּענדיג אין מיינע קראנקע און שוואכע גליעדער.

„לאָז מיך! לאָז מיך!“ האב איך מיך געבעטען, „איך וועל איהר זאגען...“

„ניין, ניין, א ברירה האסטו,“ האט ער געענטפערט.

איך האָב געהערט א שפּאָטישעס געלעכטער פון דיא אנדערע פרויענצימער, און דיא בעל־הבית׳טע איז ארויף געקומען.

„זיא הייסט שוין געבען,“ האט דזשייק געזאגט.

„יא, ליזא?“ האט זיא געפרעגט שמייכעלדיג, גראדע וויא דיא גאנצע גע־שיכטע איז געוועזען א שפּאס.

איך האָב געשוויעגען, נאר פון צווישען מיינע טרערען האב איך בעטראכט דעם טייפלישען אויסדרוק אויף איהם געזיכט, און דאן האָב איך געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

„נאר וואס דוא ביסט,“ האט זיא געזאגט. „דזשייק וועט דאך ניט וועלען זיין דיין מאן און דוא זאָלסט צונעהמען דאס געלד.“

איך האָב מיך אָבגעווענדעט פון דיא ארומשטעהענדע און בין אריין אין מיין צימער. איך האָב מיך אוועק געלעגט אויף מיין בעט און איינגראבענדיג מיין גע־זיכט אין קישען, האָב איך העפטיג געוויינט.

איך האָב געפּלַכט דיא גאנצע וועלט און דאָן, שפּירענדיג א גרויסען שמערץ אין מיין גאנצען קערפּער, האָב איך בעשלאָסען מעהר ניט ארויס צו געהען אין

זאלאָן, וואו עס זיטצען, וויא געוועהנליך, דיא איבריגע פראָוויזיוניסטען, און האָב זיך געלעגט שלאָפען.

פינסטערע חלומות האבען זיך געדרעהט אין מיין קאָפּ און צייטענווייז האָט זיך מיר געדאכט, אז איך זעה נאך דאס געזיכט פון מיין פאטער, וויא ער זעהט אויס זעהר טרויעריג, וויא מיין מוטער ליעגט אויף'ן שטערבע־בעט, און מיט טרער־רען אין דיא אויגען, מורמעלט זיא: „מיין קינד, מיין ארמעס קינד.“

דאן האָט זיך מיר געדאכט, אז איך שפּרינג ווידער אריין אין וואסער, אבער א מעכטיגע האנד ציהט מיך ארויס און אויף'ן ברעג שטעהען פיעלע מענער, דארונטער טשאלי, און מיין מאן, און אלע לאַכען פון מיר.

ווידער האָט זיך מיר אויסגעוויעזען, אז איך זיטץ אויף א הויכען שטוהל, זעהר שעהן געקליידעט, עס פינקלען גלענצענדע לאָמפּען ארום מיר, מוזיק שפּיעלט, און פּלוצלינג ערשיינט איין אונגעהייערער גרויסער הונד מיט א מענשען קאָפּ, וועלכער האָט אויסגעזעהען וויא דזשייק'ס, און דיעזער לויפט צו צו מיר, שלעפּט מיך ארונטער און גראבט איין זיינע צייהן אין מיין ברוסט...... איך האָב געשפּירט א העפטיגען שמערץ, און דערבייא האָב איך ערוואכט. נאך אימער שפּירענדיג דעם שמערץ, און מיר האט זיך געדאכט איך ווער דערשטיקט.

ענדליך האָב איך אנגעהויבען שטארק צו הוסטען און נאך א פּאאר מינוטען צייט, האָב איך ארויף געבראכט א פערהארטעוועט שטיק בלוט. איך האָב דאס אריין געשפּיגען אין מיין האנד, און שפּירענדיג אביסעל איין ערלייכטערונג, האָב איך דאס שטיק בלוט בעטראכט. מיר האט זיך געדאכט, אז דאס זעהט אויס וויא א שטיק לונג.

„עס איז מיין לונג,“ האב איך געזאגט, „א שטיק פון מיין לונג, און א ברייטער שפּאן נעהנטער צום קבר, וואו מען ליעגט רוהיג און שטיל, אונבעקימערט, און עס זיינען ניטאָ קיין בענער וואס זאלען שטערען......“

איך בין אזוי געזעסען אונגעפעהר א האלבע שטונדע נאכדענקענדיג. אין הויז איז שוין געוועזען שטיל און דורך מיין פענסטערל האב איך בעמערקט, אז עס טאגט. דאן האָב איך געשפּירט דאסזעלבע שטיקעניש אויף דער ברוסט וויא פריהער און איך האָב מיך ווידער שטארק פערהוסט. אבער דיעזער האט זיך שוין געענדיגט מיט א בלוט־שטורץ, א פיעל גרעסערער וויא דיא ערשטע צווייא.

און וויפיעל בלוט עס האט גערונען! דאכט זיך איך בין ניט מעהר געווען וויא הויט און ביין, און דאך אזוי פיעל בלוט!

וויא פערפלוכט מיר מענשען זיינען! דאמאלס, אין מיין ערגסטען עלענד אין אונגליק, האָב איך מיך דערשראָקען פאר'ן טויט און אנגעפאנגען צו שרייען אום הילפע.

א פאאר פרויענצימער, וועלכע האבען זיך נאר וואס געלעגט אין זייערע בעטען, האָבען געהערט מיין שטימע און זיינען אריין געלאָפען זעהען וואס דאס איז. ערבליקענדיג דעם שטראָם בלוט, האבען זייא געמיינט, אז איך האב מיך געקוי־לעט, און זייא האבען נאך שטארקער געשריען וויא איך.

יעדער האָט ערוואכט און אויך א פאָליציסט איז ארויף געקומען. דיא בעל־הבית'טע האט איהם געבעטען מען זאל מיך אוועק נעהמען פון הויז. ער האָט גלייך טעלעגראפירט נאך איין אמבולאנס, און מען האט מיך אבגעפיהרט אין האָספיטאל.

17טעס קאַפּיטעל.

דיא לעטצטע שטופע.

„וואס איז מיט איהר?“ האב איך געהערט א מענער שטימע פרעגען.

„א בלוט־שטורץ,“ האט א צווייטע מענער־שטימע געענטפערט.

„פון וואַנען?“

„פון דיא לונגען.“

„ווער איז זיא?“

„א נאכט־פויגעל.“

„פון וועלכער געגענד?“

„פון דער שמוטציגסטער.“

„וואס האסטו מיט איהר געטהאָן?“

„געהייסען געבען שלינגען אייז.“

„איז דער צושטאנד געפעהרליך?“

„געפעהרליך! ניט שלעכט; זיא האט נאך פיעללייכט א שטיקעל פון דער רעכטער לונג; דיא לינקע איז שוין אין גאנצען איבערגעפוילט.“

„ווערען מיר נאך פיעללייכט האָבען א בר-מנן?“

„דאס קען איך ניט זאגען.“

„ווארום?"

„דער טייפעל ווייס זייא וויא שטארק זייא זיינען! ווען דאס וואָלט פּאסירט בייא איין אנדערער, וואָלט שוין געלעגען א בארג ערד אויף איהר."

„זייא זיינען אבגעהארטעט פון דיא צרות."

„עס איז אויך ניט דער ערשטער בלוט־שטורץ, נאר ווען זיא זאָל קריעגען נאך איינעם, גאראנטיר איך דיר, אז עס וועט זיין דער לעטצטער, און זיא וועט איהם ניט איבערלעבען."

דיעזעס געשפּרעך איז געפיהרט געוואָרען צווישען צווייא דאָקטוירים אין האָספּיטאל מיט א 10 שריט פון מיין בעטעל. געמיינט האט מען מיך, אבער מען האט זיך אם מינדעסטען בעקימערט, אויב דאס קען מיך ערגערן אָדער מיר שאדען.

עס האָט אויסגעזעהען, גלייך וויא איך בין ניט מעהר וויא א בהמה, אין וועלכער'ס געגענוואַרט עס איז ערלויבט צו רעדען, אפילו פון איהר שחיטה.

מאנכע מאל האָב איך אויך אנגעפאנגען צו צווייפלען אויב איך בין א מענש, אדער אויב איך לעב גאר אויף דער וועלט.

„מי יודע?" פלעג איך מיר טראכטען, „פיעללייכט בין איך גאר א דיבוק אדער א גלגול, אדער אפשר געה איך גאר אין גאנצען ארום אויף'ן עולם־התוהו?"

אבער וואס טויגען אייך מיינע חקירות? מען האָט מיר געגעבען צו שלינגען אייז און איך האָב געשלונגען אזוי לאנג, ביז דאס האט פערגליווערט דאס בלוט אין מיין ברוסט־קאסטען און דער שטראָם האָט אויפגעהערט.

איך האָב איינגעשלאָפען און מיר האָט זיך געחלום'ט דער לעטצטער בלוט־שטורץ. דאס איז מיר ניט פאָרגעקומען וויא א בלוטיגע און שרעקליכע זאך, זאָנדערן עפּעס וויא א ליעבלינג, א טהייערער ליעבלינג, נאך וועלכען מען בייגט און מען וויל איהם ערווייכען.

„איך גאראנטיר דיר, אז דאס וועט זיין דער לעטצטער. און זיא וועט איהם שוין מעהר ניט איבערלעבען," האט דער דאָקטאָר געזאגט, און איך האב געשפּירט אז ער האט דיעזעס מאל קיין טעות ניט.

דער לעטצטער בלוט־שטורץ! אין טרוים איז דאס מיר פאָרגעקומען וויא עפּעס א ציעל, א פונקט, צו וועלכען איך דארף שטרעבען, און ווען איך וועל איהם ערווייכען דאן בין איך גליקליך, רייך, צופריעדען און געראטעוועט!

ווען איך האָב ערוואכט, האב איך געזעהען שטעהען נעבען מיין בעט דרייא

דאָקטוירים. איינער איז געווען דעריעניגער וואס האָט אין דער פריה פּראָפּעציי־העט, אז איך וועל שוין נאך אַ בלוט־שטורץ ניט איבערלעבען, און דיא אנדערע, לויט וויא איך האָב שפּעטער ערפאהרען, זיינען געווען צוויא יונגע ערצטע, וועלבע האָבען נאר וואס אויסגעשטודירט, און זיינען אויפגענומען געוואָרען אין האָספּיטאל צו פּראקטיצירען.

דער עלטערער ארצט האט אויסגעשטרעקט דיא האנד און געוואָלט אויפ־דעקען מיין לייב. און יענעם אויגענבליק האָט צוריק געקעהרט אביסעל פון דער פערגאנגענער זעלבסטאבטונג און שאנדע. איך האָב שנעל אויסגעשטרעקט מיין האנד אום איהם ניט צו לאָזען.

„בלייב רוהיג!“ האט ער אויסגעשריען מיט אַ בייזער שטימע.

„וואס ווילט איהר?“ האָב איך געפרעגט.

„רוהיג, רוהיג, מיר וויסען שוין וואס מיר ווילען.“

אלזאָ, מיין „איך“ האָט אויפגעהערט צו שפּיעלען אירגענד וועלבע ראָלע, און איך בין געוואָרען איין „עפּעס“ פיר דער וועלט, פיר מיינע מיט־מענשען.

איך האָב געשוויגען, מעהר ניט פּראָטעסטירט. וואס וואָלט דאס געהאָלפען?

דיא ערצטע זיינען מיט מיר אומגעגאנגען, גלייך וויא יעדעס געפיהל פון אַ מענש וואָלט זיך אין מיר אויסגעלאָשען. זייא האָבען געקוועטשט, געדריקט, גע־קלאפּט און געצווינגען אלע מיינע גליעדער.

„יאָ, יאָ,“ האט איינער פון דיא יונגע ערצטע בעמערקט, „זיא האט איין וועגערישע קראנקהייט.“

דער צווייטער יונגערמאן האט אויך עפּעס בעמערקט, וואס איך האָב ניט גענוי פערשטאנען. און דער עלטערער ארצט האָט געזאגט:

„געוויס, זיא טאָר דאָ ניט בלייבען; זיא מוז אריין אין נעבסטען צימער.“

אין אייניגע מינוטען ארום, האט מען מיך איבערגעפיהרט אין אַ צווייטען צימער, וואו איך האָב בעמערקט, אַן דיא געזיבטער, נאך אזעלבע אונגליקליבע וויא איך בין.

איך האָב זייא שוין גענוי געקענט, און גלייך מיט זייא, האט מען מיך אָנ־געפאנגען פון יענעם אבענד צו קורירען פון איין אנדערע קראנקהייט, ניט פון שווינדזוכט.

ווארום? צו וועלבען צוועק?

זאגט איהר אליין, וואָלט דען ניט געווען א גרויסער יושר, מען זאָל מיר דאָמאלס געווען איינגעבען אביסעל סם, און מאכען א סוף פון מיר?

אבער דיא קונסט דער מעדיצין פאָדערט פּראַקטיק, צו זעהען וויא דיא מיטלען ווירקען, און מען האָט בעדאַרפט זעהען וואס פאר א רעזולטאט דאס האָט.

מיט 5 טעג שפּעטער, האט מען מיך ערקלערט אלס קורירט, געזונד, און מען האָט מיר געהייסען געהען.

איהר הערט: קורירט! געזונד! און איך מוז געהען!

ווען קללות זאָלען מקוים ווערען, ווען טרערען זאָלען האבען א ווירקונג, דאַן וואָלט דיא שופטען בעדאַרפט טרעפען מיין פלוך. אבער איהר מעגט זאגען וואס איהר ווילט, איך האָב אויפגעהערט צו גלויבען אין אלעס. איך רעכען, אז דיא מענשען זיינען אייגפאך שלעכט און פערדאָרבען, און גראָדע וויא דיא ווילדע חיות, ווער עס איז שטאַרקער, דער צערייסט דעם שוואכערען; ווער עס איז מעכטיגער דער נעהמט זיך דעם אויבען־אָן, און דער אונפעהיגער, וועלכער קען ניט קעמפּפען, בלייבט אין שמוטץ, אין זומפּף און אין בלאָטע.

איך בין אוועק! וואוהין? יא, וואוהין דיא אויגען האָבען מיך געטראגען, ביז דער הונגער האָט מיך געטריבען איך זאָל צוריק געהען אויף דעם לעטצטען פּלאַטץ וואו איך בין געווען.

וויא איך האָב נור אריבער געטרעטען דיא שוועל, איז מיר דיא בעל־הבית'טע ענטקעגען געקומען.

„ניין, ניין, ליזא, דוא קענסט בייא מיר מעהר ניט זיין" האט זיא געזאגט מיט אביסעל בעדויערן, און מיר פערשטעלט דעם וועג גלייך וויא איך וואָלט געווען א פּעסט.

„געה דיר געזונדערהייט. איך דאַרף דיך דאָ ניט."

„וואָרום?"

„פרעג ניט, דוא קענסט דאָ מעהר ניט זיין. עס זיינען נאָך דיא אנדערע פּלעטצער — געה, איך בעט דיך."

„אבער איך בין דאָך הונגעריג."

„איך קען דיר גאָר ניט העלפען."

איך האָב מיך אומגעווענדעט, און זעהענדיג דיא טהיר אָפען הינטער מיר, בין איך ארויס אויף דער גאַס.

אין יענעם טאג האב איך בעקאנטשאפט געמאכט מיט נאך איין אונגליק־ליבער, און זיא האָט מיך אוועק געפיהרט אין קריסטיע סטריט און מיר אנגעצייגט א פלאטץ אויף דער גאס, וויא איך זאָל שטעהען און ערוואַרטען געסט. דאן האָט זיא מיך אַרויף געפיהרט צו איין אנדערער בעל־הבית׳טע, און דיעזע האט מיר גע־זאגט, אז זיא וועט מיר געבען א צימער, ווען איך וועל דערפאר בעצאהלען.

איך האָב ערפאהרען, אז איך האָב עררייכט דיא ניעדריגסטע שטופע אין מיין טרויעריגעם לעבען.

18טעם קאַפּיטעל.

זיך בעגעגענט מיט׳ן ברודער.

אך, וויא איך האס דיא מענשען! נאך מיינער מיינונג, זיינען דיא מענשען, דיא שעהנע, וואוילע און פיינע מענשען, פיעל ניעדריגער, פיעל געמיינער און פיעל אבשייליכער וויא איך אליין בין.

ווירקליך — ניט מיך צו פערטהיידיגען זאג איך עס — זאָנדערן, וויא דער אמת איז: ווער איז דען שולדיג געווען אין מיין גאנצעם אונגליק? האב איך עס מיר אויסגעקליבען? האָב איך מיר געוועהלט דעם וועג? ניין! ניין! מען האט מיך געטריבען צו ווערען דאס וואס איך בין, און דערפאר בין איך עס געוואָרען!

אמאל, ווען איך פלעג צייט האבען, האָב איך מיר נאכגעדענקט איבער מיין גאנצעם לעבען: איך וועל שוין ניט רעדען איבער מיין ברודער און שוועגערין, זייא זיינען אָרימע מענשען און פערשטעהען ניט מעהר. זייא האבען אזוי געהאנדעלט, וויל טויזענדער וויא זייא זיינע, רעכנען, אז זייא האנדלען ריכטיג ווען זייא טהון דאס זעלבע.

מיך פערדריסט אויף אזעלכע מענשען וויא טשאלי. בלעבען, א יונגער מאן פון דער רייכער קלאסע, פון דער געבילדעטער קלאסע, פון דיא פערשטענדיגע, ווארום האָט ער מיך רואינירט? ווען ניט ער, וואָלט איך געהייראטעט מיט איין ארמען בעל־מלאכה און וואָלט וואהרשיינליך געקענט גליקליך זיין אונטער דיא אומשטענדען.

דאָך — און איהר מענט לאבען פון מיר — וועל איך איהם אויף פערטהיי־דיגען. האָט ער דען ניט געזאגט, דאס ווען ער וואָלט געוואוסט, אז איך בין נאך א מיידעל, וואָלט ער מיט מיר ניט פערקעהרט אויף אזא אַרט? פיעללייכט האט ער דאס טאקי געמיינט ערנסט? איהר וועט מיך אפשר וועלען פרעגען: וואָרום

האָט ער שפּעטער ניט געהאַנדעלט געגען מיר ווי א מענש, שוין נאָבדעם וויא ער האט מיך אונגליקליך געמאַכט? דארויף וועל איך אויך ענטפערן: ערשטענס איז ער געוואוינט געווען גוט צו לעבען, און ער האָט ניט געקענט אבשפּארען געלד פון זיין פערגניגען אום מיר צו געבען. דאן האָט ער מיך ניט געקענט הייראטהען, וואס בין איך דען געווען? אפשר מעהר וויא א פראָסט שניידער־מיידעל, די טאָכטער פון איין אונוויסענדען אונטער־שמש? צו פערברענגען א גוטע שטונדע מיט מיר, איז טאַקי כדאי, אבער זיך געהען פערהייראטהען מיט מיר, איז שוין צו פיעל. והא־ראיה, ער האָט טאַקי געהייראטהעט מיט יענער בעריהמטער שעהנהייט וואס איך האָב געזעהען אין טהעאטער, און וועלכע האָט איהם געוויס געבראכט נאך א גוטען נדן דערצו. היינט, זיין מוטער, די גראַפאַרטיגע דאמע, וואָלט זיך געוויס ענטזאגט פון איהם, ווען ער וואָלט מיך געהייראטהעט. און ער אליין, וואס האָט ער געקענט האָבען פון מיר? גאַר ניט!

יאָ, יאָ, טשאַלי'ן פערטהיידיג איך, אָבוואהל איך בין צייטענווייז אויף איהם בייז. נאר דעם אנדערען, מיין מאַן, וועלכער האָט מיט מיר געהייראטהעט, איהם קען איך ניט פערצייהען. ריבטיג, איך האָב איהם אָבגענאַרט, איהם ניט פריהער דערצעהלט די וואהרהייט איבער מיר. אבער ער האָט זיך דאָך געוויעזען אלס א מענש וואס קימערט זיך גאָר ניט אום אזעלכע זאכען?

וויא איך האָב שוין דערצעהלט, האט ער ניט געפרעגט אויף יחוס, געלד אָדער אנדערע זאכען. איך אליין בין איהם געפעלען געוואָרען. נאָר לויט וויא מיראַנדא האָט מיר געזאגט, איז ער אויך איינער פון דיזע מענער, וואס קויפען אב די פרוי אלס זייער שקלאפין, אָדער וויא מען קויפט א פערד, און דאס מוז בעזיטצען דעם וויסען פינטעל אויף'ן שטערען לויט וויא עס איינגערעכענט אין פערקויף־פּאַפּיר. ווען דער פינטעל פעהלט, איז דער מסחר קיין מכוחר ניט.

ניין! איהם וועל איך ניט מוחל זיין! ער האט גאנץ גוט געקענט בעגרייפען אז איך בין ניט קיין עפענטליכע פרוי, און אין יענער נאכט, ווען ער האט אויפגעצויגען דעם לאָמפּ, האט ער בעדארפט לעזען אויף מיין געזיכט א וועלט מיט ליידען, שמערץ און אונגליק! בלויז איינמאל האָט ער זיך צו מיר אומגעקוקט; מיין לאַגע האָט איהם ניט געריהרט, אין געגענטהייל, ער האט מיר צוגעוואָרפען א בליק פול מיט האַס און פעראַבטונג, און איז אוועק פון מיר!

ער איז אוועק דער געבילדעטער, דער געלערנטער און פערשטענדיגער; דער וועלט־מענש און דער קלוגער, האט מיך צוריק געלאָזען, אהנע ער זאָל מיך אויס־

פרעגען, פון מיר ערפאהרען און אויסגעפינען, ווארום און פאר וואס דאס איז גע־
שעהען און וויא אזוי איך קום דערצו איהם צו ווּעלען גארען.

יא! אזא מענש האָט מיך ניט בעדארפט צוטרעטען מיט׳ן פוס דאמאלס,
ווען דער חלף איז שוין געלעגען אויף מיין האלז — אבער ער האָט עס דאָך
געטהאָן!

ווער עס איז שולדיג פרעגט איהר? איין אָקס האָט א לאנגע צונג און קען
שופר ניט בלאזען און איך האָב א סך אידעען און קען זייא ניט ארויס ברענגען.

אבער מיר וועלען זיך צוריק קעהרען צו מיין טרויעריגעם לעבען. איך בין
געוואָרען א גאסען־פרוי. ווייסט איהר וואס דאס בעדייטעט? ניין, ניין, מאן! איהר
זייט א מאן, א פרויען־הערשער, איהר קענט דאס ניט בעגרייפען! מען מוז זיין א
פרוי, איין אונגליקליכע, אום זיך דאס פאָרצושטעלען. איך קען עס ניט שילדערן,
איך ווייס ניט וויא אזוי איך זאָל דאס אנרופען. בלויז אזוי פיעל ווער איך אייך
זאגען, דאס איהר מעגט זיך מאכען איין איבערפלעבליכען בעגריף וואס דאס קען
הייסען, צו שלעפען א שכור, א לומפּ און א מאן אזוי אלט וויא מיין טאטע קען
זיין ווען ער וואָלט געלעבט — אזעלכען שלעפען פון דער גאס, איהם צו פערשאפען
פערגניגען, ווייל מען מוז האבען א שטיקעל ברויט!

פאר א געלעגער און א שטיקעל ברויט! אך מענער! ווייסט איהר אמאל,
ווען איהר געהט פאָרבייא דיא גאס און בעטראכט אזעלכע וויא איך שטעהען אין
א ווינקעל, אין רעגען און קעלט, פערפרוירען, הונגעריג, קראנק, עלענד און אונ־
גליקליך — און זיא רופט אייך דאן צו ערפילען אייער פערגניגען ..... אך מענער!
פערדאמט זיא ניט, פלוכט זיא ניט, פעראורטהיילט זיא ניט! זיא איז דיא אונ־
גליקליכסטע אויף דער גאנצער וועלט!

אונטער דעם פודער אויף דיא באקען און ליפען געפינט זיך א בלאסע הויט,
אלט פון זאָרג, איינגעשרומפּפען פון הונגער, שווארץ פון אונפערשעהמטהייט!

איז אזא צושטאנד, אין אזא לאגע, האב איך איין אבענד ערבליקט א מאן
צוקומענדיג האסטיג צו מיר. אנפאנגס האָב איך געמיינט, אז דאס איז א געהיים
פּאָליציסט, וועלכער קומט ארעטירען אזעלכע אונגליקליכע, און איך האָב געוואָלט
אנטלויפען. אבער פלוצלינג האָב איך איהם דערקענט — עס איז געווען מיין
ברוד ע

וויא א שטיק האָלץ צונעשלאגען צו דער ערד, בין איך געבליבען שטעהען
און זיך ניט געקענט ריהרען פון פּלאַטץ.

„וואס טהוסטו דאָ?‟ האט ער אויסגעשריען מיט איין אונטערדריקטע שטימע וועהרענד זיינע אויגען האבען שטארק געפונקעלט מיט צאָרן.

„גאָר ניט, גאָ..ר...... ניט,‟ האָב איך ארויס געשטאמעלט.

„דוא ...... דוא ......‟ האט ער געברומט וויא א ווילדע חיה און מיך אנ־נעהמענדיג בייא מיין קליידעל נעבען האלז, האט ער מיך אנגעפאנגען צו טרייס־לען אָהן רחמנות.

„איך וועל דיך דערווערגען!‟ האט ער געשריען.

„ברודער!‟ האָב איך געמורמעלט מיט א וויינענדער שטימע, זיך ניט וועה־רענדיג, און איך האָב געוואונשען ער זאָל טאקי טהון דאס וואס ער זאגט — מיך דערווערגען.

דאס לעטצטע וואָרט אבער, וויא עס שיינט, האט אויך געווירקט אויף איהם און זיין גריף בייא מיין קלייד האט נאכגעלאָזען.

ער איז געבליבען שטעהען אייניגע אויגענבליקען און דיא טרערען האבען זיך אויך בעוויזען אין זיינע אויגען.

„זאָלסט דיך ניט געפינען אין דיזער געגענד,‟ האָט ער געמורמעלט מיט א פערשטיקטער שטימע. „עס איז מיר א שאנדע ......‟

„איך האָב אבער ניט וואוהין צו געהען ......‟ האָב איך געענטפערט.

„איך וויל ניט וויסען — דאָ זאָלסטו ניט זיין, דוא הערסט!‟ האט ער גע־זאגט זיך מעהר פאסענדיג.

„איך וועל שוין דאָ פיעל ניט בלייבען,‟ האָב איך געענטפערט, וועהרענד ער האָט זיך אבגעווענדעט און איז אוועק.

איך האָב געמיינט, אז דער לעטצטער בלוט־שטורץ מוז שוין שנעל קומען. איך האָב געשפירט, אז איך קען פיעל ניט אויסהאלטען, און ......

דער לעטצטער בלוט-שטורץ.

ליזא האט ווייטער ניט געקענט רעדען. דיא אונגליקליכע, וועלכע איז גע־לעגען אויף מיין בעטעל דיא גאנצע צייט, האט זיך פלוצלינג אויפגעהויבען, צוגע־לעגט דיא האנד צו איהר ברוסט, און אנגעפאנגען שטארק צו הוסטען.

איהר געזיכט האט אנגענומען א רויטע פארב, איהרע אויגען זיינען יעדעס מאל גרעסער געוואָרען, און האבען אויסגעזעהען צו וועלען ארויס שפרינגען פון זייערע לעכער.

דער הוסט האָט זיך געשטארקט, און ווען איך האָב אנגענומען איהר קאָפּ, האָב איך געשפּירט, אז דער שטערען איז קאלט און נאס פון א קאלטען שוויים.

ענדליך האט אנגעפאנגען דער הוסט שוואכער צו ווערען, און איך האב פערשטאנען, אז דער שליים ווערט ארויף געבראכט.

ווען דער הוסט האָט אויפגעהערט, האט איהר גאנצער אויסגעמארטערטער קערפער געציטערט, און פון איהר מויל האָט זיא ארויס געבראכט פיעל שליים מיט בלוט. זיא האט דאס ניט געוואָלט ארויס שפּייען אויף'ן פוס־באָדען, און איך האָב איהר צוגערוקט מיין שפּייא־קעסטעל וואוהין זיא האָט אריין געשפּיען.

דאס שטארקע הוסטען האט ארויס געבראכט טרערען פון איהרע אויגען, וועלכע זיא האָט אויסגעווישט מיט איין עק פון איהר קלייד. זיא האט זיך אויך אבגעווישט דאס מויל און דאס געהאלטען פאר'ן שיין פון לאָמפּ אום צו זעהען אויב דאס איז בלוט. דאן איז זיא צוריק געפאלען מיט'ן קאָפּ אויף'ן קישען.

„איהר האט זיך זעהר אנגעשטרענגט,“ האב איך געזאגט, ווערענד איך האָב מיך אומגעווענדעט איהר צו ברענגען אביסעל וואסער.

ווען איך בין צוריק געקומען מיט דעם וואסער, האָט זיא שוין ניט אזוי שטארק געסאָפּעט וויא פריהער, און אונטערהויבענדיג דעם קאָפּ, האָט זיא געטרונקען.

„איך דאנקע,“ האָט זיא געזאגט.

אוועק שטעלענדיג דיא כלי, האָב איך געזוכט עפּעס איהר צו געבען זיך צו דערקוויקען. אבער איך האָב גאר ניט געהאט אין הויז.

„וועט איהר נאך טרינקען א גלאז טהעע?“ האָב איך געפרעגט.

„ניין, איך דאנקע,“ האט זיא געענטפערט, נעהמענדיג מיין צייטונג פון דעם טיש, מיט וועלכער זיא האט זיך אנגעפאנגען אבצופאָכען.

„עס האָט מיך אי געפרייט אי געשטאָכען,“ האט זיא געזאגט, „בשעת איך האָב געהוסט. איך האָב זיכער געמיינט, אז דאס איז שוין דער לעטצטער בלוט־שטורץ, און עס האָט מיך געשטאָכען וויסענדיג, אז איך וועל אייך דאָ נאך פער־אורזאכען אונאנגענעהמעס, ווען איך זאָל דאָ דארפען שטארבען.“

„אָה ניין, קיין אונאנגענעהמעס,“ האב איך געזאגט אויסדריקענדיג מיין עהרליכע מיינונג.

„הא, הא, הא!“ האט אויסגעקלונגען איהר טרוקענער געלעכטער, „קיין אונאנגענעהמעס ווען איך זאָל דאָ שטארבען..“

איך האָב מיך געוואָלט פערענטפערן מיט א ליגען, און זאגען, אז ניט דאס האָב איך געמיינט, אבער זיא האָט מיך ניט געלאָזען רעדען און אליין געענדיגט:

„איהר זייט מיר דערמיט דער בעסטער פריינד, וואס איהר ווינשט מיר א שנעלען טויט. דאס איז מיין איינציגער ציעל, און וואס ניכער, אלץ בעסער. שאַ־דעט ניט, איהר זייט איין עהרליכער מאן, איהר דארפט גאר אנדערש ניט זאגען, און ......"

מיט דיא אויגען קוקענדיג, האָב איך בעמערקט וויא דער שוויס האט זיך אבגעטריקענט פון איהר געזיכט און איהרע ליפען האבען זיך צוזאמען געדריקט וויא פון א גרויסען שמערץ.

„דאָך דאָך, פיעללייכט." האט זיא געמורמעלט.

איך בין צו איהר צוגעגאנגען און געפרעגט:

„וואס איז אייך, ליזא?"

„א שרעקליכער שמערץ, דאָ —" צייגענדיג אויף איהר ברוסט־קאסטען.

„ענטשולדיגט מיר," האט זיא דאן געזאגט, „איך האָב ניט בעאבזיכטיגט אייך צו פעראורזאכען אזוי פיעל אונאַנגענעהמעס, אבער איך קען מיר ניט העל־פען ...... מיר דאכט, אז דאס איז עס .... מיר דאכט, אז עס קומט דער לעטצ־טער בלוט־שטורץ ......"

זיא האט זיך שנעל אויפגעהויבען און ארונטער געבויגען איהר קאָפּ צום שפייא־קעסטעל.

בלוט, רויטעס בלוט, האָט וויא פייער־טראָפּען ארונטער געקאַפּעט און זיך טהיילוויז געגאָסען אין שפייא־קעסטעל.

דאן האָט זיא ווידער גענומען דעם עק פון קלייד, און זיך צוהאלטענדיג דאס מויל, האט זיא אויפגעהויבען איהר געזיכט צו מיר. זיא האט אוועק גענומען דאס קלייד פון מויל און בעטראכט דאס בלוט.

א מערקווירדיגע רוהיגע מינע האט זיך דאמאלס אבגעשפּיגעלט אויף איהר בלאסעס געזיכט.

„ענדליך!" האָט זיא געמורמעלט, און מיך אנקוקענדיג, האב איך וויר־קליך בעמערקט א פרעהליכען שמייכעל אויף איהרע פּיצרבלוטיגטע ליפען.

איך האָב מיך דערוויל דערמאהנט, אז דאס אלעס קען מיר פעראורזאכען זעהר איין אונאנגענעהמע געשיכטע מיט דער פּאָליציי. איך האָב געגלויבט, אז זיא

מוז שטארבען און נאכדענקענדיג וואס איך האב צו טהון, האָב איך באלד געפאסט א בעשלוס.

נעהמענדיג מיין אויבער־ראָק אויף מיר, האָב איך צו איהר געזאגט: „גלייך בין איך דאָ צוריק,“ און בין ארויס אין קארידאָר.

זיא האָט מיר דארויף גאר ניט געענטפערט.

איך בין ארונטער שנעל דיא טרעפּען און האָב בעשלאָסען צו נעהמען ברענ־נען א דאָקטאָר.

גענענאיבער מיין וואָהנונג איז געווען א קאפּעע־הויז מיט גרויסע פענסטער, וואו עס זיינען דורך דיא נעכט מענשען און געשפּיעלט אין קארטען, דאָמינאָ, שאך און בילליארד.

אהין פלעגט אָפט קומען דאָקטאָר שפּיעלמאן, מיינער א בעקאנטער, אום צו שפּיעלען שאך. צו מיין גליק, האב איך איהם אויך בעמערקט דורך דעם פענ־סטער זיטצענדיג בייא א טישעל מיט נאך א מאן שפּיעלענדיג שאך.

איך בין שנעל אריין, און אין אייניגע ווערטער, האָב איך איהם ערקלערט, אז א פּרויענצימער האָט געקריעגען א בלוט־שטורץ פון דיא לונגען און זיין הילפע איז נעטהיג.

„קומט, לעהרמאן,“ האָט ער געזאגט צו זיין קאמעראד וואס האָט מיט איהם געשפּיעלט. „קומט, עס איז איין אינטערעסאנטער פאלל.“

מיר זיינען אלע דרייא ארויס פון קאפּעע־הויז. ערשט יעטצט האב איך בע־מערקט, אז עס טאגט שוין.

דאָקטאָר שפּיעלמאן, אום מיר צו ערקלערען וויא עס קומט וואס ער רופט מיט א פרעמדען מענשען, האָט ער געזאגט:

„דאס איז א מעדיצינישער סטודענט אין לעטצטען קורס, דרייא־פיערטעל דאָקטאר, פערשטעהט איהר? און ער קען מיר נימצליך זיין.“

איך האָב געשוויעגען, און אזוי זיינען מיר ארויף דיא טרעפּען ביז צו מיין צימער.

איך האָב צו ערשט געעפענט דיא טהיר. דער דאָקטאָר איז מיר נאכגעגאנ־גען און דאן דער הערר לעהרמאן.

ליזא האָט זיך אבגעווישט דאס מויל און זיך אומגעקוקט.

„איך האָב געבראכט א דאָקטאָר,“ האב איך איהר געזאגט.

איהרע אויגען האבען ניַבליקט צום דאָקטאָר, און דאן איז געפאלען דער בליק אויף דעם מעדיצינישען סטודענט.

זיא איז צוריק געפאלען אויף'ן קישען זייענדיג זעהר שוואך, אבער זיא האט געקוקט מיט איהרע שווארצע אויגען אויף לעהרמאנען.

איך האב מיר דאס אלעס גוט געמערקט.

דער דאָקטאָר האט גענומען איהר האנד און בעמערקט צו לעהרמאנען:

„דער פולס איז זעהר שוואך.“

דאן האט לעהרמאן גענומען דיא האנד און עפעס געמורמעלט צום דאָקטאָר.

„זיא האלט אם שטערבען,“ האט דער דאָקטאָר מיר געזאגט שטילערהייט.

„איהר זייט הערר אדאָלף לעהרמאן?“ האט ליזא קוים אויסגעהויכט.

„יא! און ווער זייט איהר?“ האט לעהרמאן געפרעגט ערשטוינט זיך איינ-קוקענדיג אין איהר געזיכט.

„מיין גאָט!“ האט ער פלוצלינג אויסגעשריען, „דיא ביזט עס, ליזא!“

„יא, יא, אדאָלף,“ האט זיא געענטפערט, „איך בין עס......“

דער ארצט, וויא א טרייער פראָפעסיאָנעלער מאן האט ניט אויסגעזעהען זיך פיעל צו בעקימערן אום דיעזער אונטעררעדונג, און אנגעפאנגען צו שרייבען א א רעצעפט, בעמערקענדיג:

„דאס מוז שנעל גענומען ווערען.“

„ענטשולדיגט,“ האט איהם ליזא אונטערבראָכען, „איהר דארפט נאר ניט שרייבען ווייל איך וועל גאר ניט נעהמען.“

דאן האט קיינער ניט געשפראָכען עטליכע אויגענבליקען.

„דאס בלוט האט שוין אויפגעהערט צו געהען,“ האט ליזא געזאגט זיך אב-ווישענדיג דאס מויל. „גיב מיר דיין האנד, אדאָלף.“

ער האט איהר געגעבען דיא האנד.

„איך האב נאר וואס פון דיר געשפראָכען,“ האט זיא געמורמעלט קוים וואס מען האט געהערט.

דאן האב איך בעמערקט, אז זיא קעמפפט שווער אום צו כאפען דעם אטהעם.

„איך וויים ניט,“ האט ליזא געמורמעלט, „אויב איך דארף דיך בעטען אום פערצייהונג אדער דוא מיך. אבער וויא דיא זאך איז, לעבע וואָהל! ווען עס וואָלט אנדערש געווען, וואָלט איך פיעללייכט געווען דיין גוטע, ליעבענדע און צערטליכע

פרוי ...... פערצייהע מיר ...... איך דאנק אייך" (האָט זיא געזאגט קוקענדיג צו מיר,) „איהר זייט א מאן, א מענש, אדער פיעללייכט איז עס דערפאר ווייל איהר זייט שוין אויך נאהענט צום קבר ...... עס איז א שלעכטע וועלט ...... דאס איז דער לעטצטער בלוט־שטורץ ...... יא, יא, איך געה אהין וואו יעדער איז גוט און שטיל ...... לעב וואָהל אדאָלף ...... פערדאם מיך ניט; איך בין מעהר אונגליקליך וויא שולדיג ......"

זיא האָט אויך גענומען מיין האנד, אבער איהר גריף איז געווען שוואך, דאן איז ער נאך שוואכער געוואָרען. זיא האָט געשלאָסען דיא אויגען, וויעדער געעפענט און זיך אומגעקוקט ...... איהר געזיכט האָט אנגעהויבען צו ווערען שעהנער, א שמייכעלע — א גליקליכער שמייכעלע האָט זיך בעוויעזען ארום איהר מויל, דאן האָט זיא אויסגעצויגען איהר אויסגעמאגערטען קערפער, אויפגעציטערט, און איז געבליעבען ליעגען שטיל.

„זיא איז טויט," האט דער דאָקטאָר געזאגט צולעגענדיג דעם אויער צו איהר הארץ. זיין שטימע האָט געקלונגען אביסעל הייזעריג.

אדאָלף'ס אויגען זיינען געווען נאס פון טרערען און זיין אויבערשטע ליפּ האָט ער שטארק צוזאמען געדריקט מיט זיינע צייהן.

איך האָב ניט געקענט וויינען, נאר עס האָט מיך געפיבערט.

ליזא האָט געהאט רעכט, עס איז געווען איהר לעטצטער בלוט־שטורץ. און זיא איז געשטאָרבען שעהנער און גליקליכער וויא זיא האָט געלעבט.

אדאָלף לעהרמאן האָט זיא בעערדיגט אויף זיינע הוצאות. איידער איך בין אוועק געפאהרען נאך קאָלאריידאָ, האָב איך איהם אלעס דערצעהלט וואס זיא האָט מיר איבערגעגעבען. מיר האבען נאכדעם בעזוכט איהר קבר און געפלאנצט בלומען. ווען דיעזע בלומען וועלען בליהען, וועל איך שוין וואהרשיינליך זיין דער־זעלבער יחסן וויא ליזא איז יעטצט.

ע נ ד ע.

אבראמאוויטש'עס וועלט בעריהמטע
מייסטער ווערק

דיא קליאטשע

— אָדער —

צער בעלי החיים.

דיעזעס ווערק ברויך קיין אַדווערטייזמענט דען עס איזט יעדען
גוט בעקאַנט פיר דיא בעסטע מייסטער ווערק פאָן אונזער
וועלט בעריהמטען שרייבער אַבראַמאָוויטש.

פרייז 15 סענט, פּאָרטאָ פרייא.

צו בעקומען בייא אַללע מוכרי ספרים און סטענדס,

וויא אויך ביים פערלעגער

יוסף ליב ווערבעלאָווסק,

37 קאַנאַל סטריט, נויאָרק.

דער פרייז געקריינטער ראמאן

— דיא —

בעטלער גרעפין

אדער

דזאהן גולד אַלס פערברעכער.

נאַטור טרייע בילדער פאָן דעם אַמעריקאַנישען לעבען.

פרייא איבערזעצט פון

מ. הידעקעל.

503 זייטען פרייז 35 סענט.

מיט פּאָרטאָ 43 סענט.

צו בעקומען בייא

יוסף ליב ווערבעלאווסקי

37 קאנעל סטריט, נויאָרק.

דער

געהיימניספאלער מאָרד.

א ראמאן פון אידישען לעבען אין רוסלאנד.

— פאן —

סטוארד כ. קאמבערלאנד.

איין אינטערעסאנטער שפאנענדער ראָמאן

135 זייטען פרייז נור 15 סענט, מיט פּאָרטאָ 18 סענט.

צו בעקומען בייא

יוסף ל. ווערבעלאווסקי, 37 קאנעל סטריט.

JOS. L. WERBELOWSKY,

37 Canal Street, New York.

יוסף ליב ווערבעלאווסקי

דער עלטסטער, גרעסטער אונד ריעלסטער האָלסייל אונד ריטייל

מוכר ספרים

פאָן אַמעריקאַ,

וואָ איהר קענט געפינען פאָן אַלער האנד

ספרים, ספרי תורות, תפילין, מזוזות, ספרי דרוש ומוסר, ספרי השכלה, שאלות ותשובות, א. ז. וו.

פערלענער פאן סידורים, מחזורים, תחינות, ספרי החיים
אין ענגליש אונד אַללע זאָרטען לעהרע ביכער
פיר סאָנדיי סקוהל'ס אונד חדרים.

קאָנטרי אָרדערס ווערדען פינקטליך אַטענדעט.

יוסף ליב ווערבעלאָווסקי,

37 קאנאַל סטריט, ניו יארק.

פאלגענדע ראמאנען

האָב איך אבגעקויפט פון פאבלישער און איך בין יעצט, כל זמן איך האַב נאָך פון זיי, אין שטאַנד צו פערקויפען זעהר ביליג צו דיא פאָלגענדע פרייזען:

איבער געלד און עהרע	61	העפטען	75
אונגליקליכע אַמאַליע	117	"	1.00
אינדיאַנער פירסט	25	"	25
אַ רייזע אַרום דיא וועלט אין 80 טעג	19	"	20
אַ רייזע אויפ'ן גרונדים	26	"	30
אונשולדיג געליטען	129	"	1.50
אַ וואונדערבאַרע רייזע	18	"	30
ביטערע נקבה	15	"	15
בלוטיגע גרעפין	92	"	1.00
בלוטיגער צלם	112	"	1.00
בעטלער גרעפין	32	"	35
גלות מאָסקוואַ	101	"	1.00
געהיימער שלאָס	45	"	50
געזוכט און געפונען	40	"	45
גאָלדגרובען פון קאַ־ליפאָר'ן	40	"	40
גערויבטע קינד	157	"	1.25
געהיימניספאָלע ירושה מיט טויז הערצען צוזאמען	102	"	1.25
גרויזאַמער הערשער	149	"	1.00
גיפט - מישערין	156	"	1.75
געבילדעטער מערדער	92	"	75
געהיימניספאָלער מאָרד	17	"	15
דרייפוס	149	"	1.00
העלדען פון דער נאַכט	104	"	1.00
טיראַן אַלעקסאַנדר III	80	"	75
טיראַנישע מוטער	113	"	1.90
טיראַנישע רעפובליק	24	"	35

מענשענפרעסער	266	העפטען	2.00
מסתרי פאַריז	45	"	50
נקמה פון אַ טאָכטער	96	"	1.25
נקמה פון אַ ברמנן	10	"	10
פערקעהרטע וועלט מיט דיא נייע וועלט 8 טהיילען		"	1.00
פערווילדעטער פירסט	104	"	1.90
פרויען הענדלער	95	"	97
פראַנצויזישע רעוואָ־לוציאָן	17	"	17
פערלאָרענע שיף	30	"	30
פלעוונאַ	16	"	15
פעטער דער גרויסער 245 וייט.			10
צווישען ליבע און מי־ליאָנען	26	"	30
צווישען הימעל און וואַסער	30	"	30
קעטען און קראָנען	31	"	35
קראָנען און רעוואָלוצ.	75	"	75
קיובאַ	68	"	60
קאַלט און וואַרם	34	"	50
קלעאָפאַטראַ	64	"	1.00
רוסישע שפיאָנען אין בולגאריען	102	"	1.25
רוסישע קייזערין	26	"	40
שרעקליכער פערברעכער 4 טהייל			50
שעהנע טערקין	30	"	30
שוואַרצע דיאַמאַנטען	10	"	10
שטאַרקער פון אייזען	53	"	55
שוואַרצע האַנד	27	"	30

„האמווארד באונד" ("Homeward Bound") איין ענגלישע געשיכטע פון א. קופער, דער בעסטער ענגלישער שרייבער.

פרייז 10 סענט.

Joseph L. Werbelowsky, 37 Canal St., New York,